STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04518

DI HISTADRUT IN KAMF UN BOYEN

David Ben-Gurion

Permanent preservation of this book was made possible
by Heidi Urich & Graeme Fincke
in memory of
Sam & Masha Urich and the Iszajewicz & Mortenfeld Families

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ליגע פאַרן אַרבעטענדן ארץ ישראל

ד. בן-גוריון

די הסתדרות אין קאַמף און בויען

(אַן ענטפער די געגנער פון דעם אָרגאַניזירטן אידישן אַרבעטער אין ארץ-ישראל)

ניו-יאָרק 1933

* * *

ווער האָט עס אָנגעשיקט אויף אייער לייב די עקלדיקע קרענק,
נביאות־זאָגער קרעציקע,
מיט אומריינע נשמות, מיט הערצער פול מיט טומאה און מיט גיפט,
וואָס רופן גאַנצע טעג, אין אַ פאַרבלענדעניש און אַ שנאה־ברען, צו גדולות,
וואָס האָבן שוין מיט זייער מויל דערגרייכט דאָס גרעסטע, און מאָנען עס
פון אַנדערע,
און יובעלן אין פוסטער פרייד, און שטרעקן אויס די האַנט נאָך לוין,
אַזוי,
ווי ס׳וואָלט די האַנט די גדולות שוין געמאַכט צו וואָר?
און ווער האָט אָנגערייצט אויף אייך די גאַנצע טשערעדע פון
צייך־ און פעדער־קריצער,
פון גאָט באַשטראָפטע, צעפרעסענע פון האַס און שוואַרצער קנאה,
זיי זאָלן אייך צעקריגן איינעם מיטן צווייטן,
און שפּייזן אייך מיט אייער אייגן פליייש און בלוט;
זיי זאָלן יעדע הייליקייט ביי אייך פאַרשוועכן
מיט אָטעם פון טמאידיקן מויל און מיטן ריר פון טמאידיקע פינגער?
און ווער האָט אייער בונד צעשטערט און אים פאַרטיילט צווישן
אינגלעך־נאַרן?

ח. נ. ביאַליק

(„ראיתיכם בקוצר ידכם“)

א

סטרייק-ברעכעריי — אַ רעוויזיאָניסטישע מצוה...

דער סטרייק אין פרומינ'ס ביסקוויט-פאַבריק אין ירושלים און דאָס ברעכן פונם סטרייק מצד די רעוויזיאָניסטן זענען באַוואוסט געוואָרן אין דער גאַנצער אידישער וועלט און וואָכן-לאַנג פאַרנומען דעם אויבנאָן אין דער אידישער פּרעסע און אין דער ציוניסטישער עפנטלעכקייט. און עס פרעגט זיך: פאַרוואָס האָבן אָט-דער סטרייק און די סטרייק-ברעכעריי זוכה געווען צו פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ צענטראַלער ארץ-ישראל'דיקער און ציוניסטישער געשעעניש און צו פאַרנעמען אַזאַ אָנ-געזעענעם פּלאַץ אין דער אידישער עפנטלעכקייט? סטרייקס זענען שוין אויך פריער פאָרגעקומען אין ארץ-ישראל, עס זענען דאָרט אויך געמאַכט געוואָרן פאַרזוכן פון סטרייק-ברעכעריי, און די וועלט איז פון זיי ניט דער-ציטערט געוואָרן און די פּרעסע איז צוליב זיי פון די כלים ניט אַרוים. דעם ענטפער אויף דער פראַגע דאַרף מען ווייט ניט זוכן.

די סטרייק-ברעכעריי אין פרומינ'ס פאַבריק איז אייגנאַרטיק און איז פאַרקניפּט אין אַ קנויל פול מיט סכנות פאַרן ארץ-ישראל ישוב און פאַרן ציוניזם. צום ערשטן מאָל אין דער פּאָליטישער געשיכטע פונם ישוב ווערט געבראָכן אַ סטרייק צוליב פּאַרטיי-מאָטיוון. צום ערשטן מאָל טרעפט עס, אַז אַ גאַנצע פּאַרטיי זאָל זיך שטעלן הינטער סטרייק-ברעכער; און ניט סתם אַ פּאַרטיי, נאָר דווקא מיט אַ „מלוכה-פּאַרנעם", וואָס פּאַרמעסט זיך צו הערשן איבער דעם ישוב און דעם ציוניזם. אמת, אין אַמעריקע — אין דעם לאַנד, וואו די עפנטלעכע מיינונג פון צענדליקער טויזנטער אָרגאַניזירטע אַרבעטער איז שטאַרק, האָבן די רעוויזיאָניסטן פּרובירט צו דערווייזן, אַז עס איז גאָר קיין סטרייק ניט געווען, און אַז זייערע חברים, וואָס זענען געגאַנגען אונטערן שוץ פון דער אַראַבישער פּאָליציי צו פאַר-נעמען די אַרבעטס-פּלעצער פון די סטרייקער, זענען ניט קיין סטרייק-ברעכער, — אָבער דער רעוויזיאָניסטישער פירער און וואָרט-זאָגער, וועל-כער האָט אָפטמאָל דעם מוט אָנצורופן זאַכן ביים ריכטיקן נאָמען, האָט ווידערשפּראָכן זיינע אַמעריקאַנער חברים. אין קלאָרע ווערטער, וואָס לאָזן זיך ניט צווייטייטיק טייטשן, האָט ער דערקלערט אין „ראַזסוועט", אַז סטרייק-ברעכעריי אין ארץ-ישראל איז אַ מצוה פון רעוויזיאָניזם און אַ פראַגע פון ערע פאַר די אָנהענגער פונם „געלייטערטן ציוניזם". די ארץ-ישראל'דיקע אַרבעטער פון דער „הסתדרות" זענען ניט מער ווי האַקענ-קרייצלער און דעזערטירן, און אדרבא — עס איז גאָר קיין חרפה ניט צו ברעכן זייערע סטרייקס.

„מיטן אויטאָריטעט פון אַן ערלעכן מענטשן און ערלעכן שרייבער" — דערקלערט זשאַבאָטינסקי — „נעם איך אראָפּ דעם מאָראַלישן פלעק פונם אויסדרוק „סטרייק־ברעכער" אין ארץ־ישראל. וואָס גייט דאָס אָן אונזערע חברים אין א"י, צי די „הסתדרות" האָט יאָ—אָדער ניט דערקלערט אַ סטרייק. עס איז ניטאָ קיין שום פלעק אין ניט וועלן נאָכגיין דעזערטירן. דאָס איז אַ כבוד און ניט קיין חרפּה". (זע „ראַזסוועט", נומער 43 פון 3טן אָקטאָבער, 1932, „די רויטע האַקענקרייצלער").

און זשאַבאָטינסקי שטעלט זיך ניט צופרידן מיט „אַראָפּנעמען דעם פלעק" פון פרומין'ס סטרייק־ברעכער אַליין. ער דערקלערט און לאָזט וויסן, אַז סטרייק־ברעכעריי אין ארץ־ישראל וועט זיין איינער פון די קלאָרע סמנים פון דער „נאַציאָנאַלער" ארבעטער־הסתדרות, וועלכע די רעוויזיאָניסטן האַלטן אין אויפבויען.

„די זעלבסטשטענדיקייט פון דער נייער אָרגאַניזאַציע וועט זיך אַרויסווייזן קודם כל אין דעם, דאָס ווען די אַלטע הסתדרות וועט דערקלערן אַ סטרייק, וועלן די „נאַציאָנאַלע" ארבעטער ניט באַטראַכטן אַלס זייער חוב זיך צו באַטייליקן אין דעם סטרייק" („ראַזסוועט", נומער 45, פון 6טן דעצעמבער, 1932, „נאַציאָנאַלנאַיאַ גיסטאַדרוט").

דער רעוויזיאָניסטישער דוצע — אַזוי רופט זשאַבאָטינסקי'ן זיין תלמיד מובהק אבא אחימאיר — שטעלט זיך ניט צופרידן מיט בלויז ברעכן סטרייקס. די הסתדרות איז אין זיינע אויגן אַ „פאַרשאָלטענער געשוויר" אויפן גוף פונם ארץ־ישראל'דיקן ישוב, „רויטע האַקענקרייצלער", און ער באַטראַכט אַלס אַ רעוויזיאָניסטישע פליכט צו צעברעכן זי מיט אַלע מיטלען וואָס ער פאַרמאָגט („הייַנט", נומער 222, פון 4טן נאָוועמבער, 1932, „יאָ ברעכן").

מיט וועלכע מיטלען? — קודם כל מיט וואַרפן שמוץ און פאַרשפּרייטן בלבולים אויף די אַרבעטער פון ארץ־ישראל און זייער „הסתדרות".

ב

צום שאַנד־סלופּ

זשאַבאָטינסקי האָט אויף זיך אַליין געזאָגט, אַז ער איז „אַן ערלעכער מענטש און אַן ערלעכער שרייבער". אין זשאַבאָטינסקי'ס אַרטיקלען און אין די אַרטיקלען פון זיינע חברים וועגן די אַרבעטער אין ארץ־ישראל געפינען מיר די בעסטע אילוסטראַציעס פון אָט־דער „ערלעכקייט".

אין נומער 45 „ראַזסוועט", וועלכער איז אין גאַנצן געווידמעט צו מלחמה קעגן דער „הסתדרות", אַנטפּלעקט די רעוויזיאָניסטישע ציַיטונג די „סודות" פון די ארץ־ישראל אַרבעטער־פירער.

ביז איצט האָט מען אין ארץ־ישראל און אין דער ציוניסטישער וועלט געמיינט, אַז אַזעלכע פּערזענלעכקייטן פון דער הסתדרות העובדים, ווי י. אהרנוביץ, י. בן־צבי, י. באַראַץ, י. טאַבענקין, אליעזר יפה, ב. כצנלסאָן,

ש. לעווקאָוויץ, י. שפּרינצאַק און אַנדערע, וואָס זענען געקומען אין לאַנד מיט אַ האַלבן יובל יאָרן צוריק כדי צו פאַרווירקלעכן מיט לייב און לעבן זייער ציוניסטישע שטרעבונג, און וועלכע האָבן אויפגעהויבן אין לאַנד די פאָן פון ארבעט און שמירה — די פאָן, וואָס האָט פון דעמאָלט אָן ארומגעקליבן ארום זיך צענדליקע טויזנטע פון דער אידישער יוגנט; — מען האָט געמיינט, אַז אָט־די מענטשן האָבן באַפרוכפּערט דעם ציוניזם מיט ווערטפולע געדאַנקען און באַרייכערט די ציוניסטישע באַוועגונג מיט ווערטפולע אויפטוען, אַז זיי האָבן אויפגעבויט אַן ארבעטער־באַוועגונג און חלוצים־באַוועגונג, וועלכע האָבן אינגאַנצן געענדערט דעם אידישן ישוב אין א״י, און וועלכע האָבן געשטעלט אין דינסט פון ציוניזם אַן ארמיי פון געטרייע און איבערגעבענע פאַרווירקלעכער.

פּלוצלונג ווייזט זיך גאָר ארויס, אַז דאָס אַלץ איז ניט געשטויגן און ניט געפלויגן. די פירער פון דער הסתדרות זענען ניט מער ווי אַ באַנדע שווינדלער און פאַרשטעלטע אָפּנאַרער פון דעם בונדיסטישן לאַגער, קעגנער און שונאים פון ציוניזם, וועלכע, בלייבנדיק ארבעטלאָז נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערונג, האָבן זיך געלאָזט זוכן שטעלעס אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און זענען געקומען אין א״י צו אָנפירן מיט די אַרבעטער. און דאָס איז נאָך ניט אַלץ — עס ווערט קלאָר, אַז די גאַנצע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג, וועלכע נחמן סירקין און בער באָרוכאָוו האָבן אויסגעטראַגן און אויסגעוויטיקט אין חוץ־לארץ און א. ד. גורדון און י. ח. ברענער אין א״י — יאָרן־לאַנג פאַר דער וועלט־מלחמה — אַז אָט־די באַוועגונג איז ניט מער ווי אַ נייע המצאה, אַ המצאה ad hoc פון די רמאים, די בונדיסטן, וואָס האָבן זיך געזוכט שטעלעס אין ארץ־ישראל.

און אויב איר גלויבט ניט — לייענט די ציטונג פונם „ערלעכן שרייבער" און איבערצייגט זיך:

„פון וואַנען און ווי אַזוי די בונדיסטן זענען אָנגעקומען קיין א״י?"

נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש האָט זיך דער בונד צעשפּאָלטן. די אַלע, וואָס זענען שטענדיק גרייט צו אָנשליסן זיך אָן דעם זיגער און וועמעס געוויסן איז מער עלאַסטיש, האָבן קיין איין רגע ניט געצווייפלט און האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן די קאָמוניסטן. אָט־די לייט האָט מען „פאַרשיקט" אין דער יעווסעקציע צו פאָרזעצן די אַלטע ארבעט פון בונד — מלחמה מיט דער אידישער בורזשואַזיע, קלעריקאַליזם א. א. וו. אָבער די פירער, וואָס האָבן ניט געהאַט דעם נויטיקן מוט, האָבן פאַרלאָזן דעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל און האָבן אָנגעהויבן קלאַפּן אין די טירן פונם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. דאָ האָבן זיי אויסגעפונען, אַז אַלע פּלעצער פון גענעראַלן, קאָמאַנדירן און קאַפּיטאַנען זענען שוין פאַרכאַפּט... דער צופאַל האָט אָבער פאַר זיי איבערגעלאָזן דעם ענין ציוניזם, קעגן וועלכן זיי האָבן פריער געקעמפט. די „ארבעטלאָזע" האָבן דאַן פאַרביטן זייער צאָרן אויף רחמנות, זענען אריין אינם סאָציאַליסטישן

ציוניזם, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן ad hoc און זיי האָבן זיך געשטעלט אָן זיין שפּיץ.

די בונדיסטישע פירער זענען אויס „אַרבעטלאָזע" געוואָרן, האָבן באַקומען „דזשאָבס" און זענען ממונה געוואָרן צו שטיין אויף דער וואַך פונם סאָציאַליזם אינם ציוניסטישן לאַגער — In partibus infidelis — און זיי זענען צוגעטראָטן צו זייער אַרבעט מיט גרויס קנאות.

„די בונדיסטן, וועלכע זענען איבערגעגאַנגען צום סאָציאַליסטישן ציוניזם, האָבן איבערגעריסן זייערע „אָרגאַניזאַציאָנעלע" פאַרבינדונגען מיט די בונדיסטן פון דער יעווסעקציע, אָבער די נשמה־קרובה'שאַפט איז פאַרבליבן. דאָס זעט זיך אַרויס אַם בולט'סטן אין דעם אַנטי־רעליגיע פראָנט. ביידע קאָנקורירן מיט פּליים און קנאות אין דער מלחמה קעגן „קלעריקאַליזם". די יעווסעקישע בונדיסטן פאַרמאָגן אָבער וואָגיקערע מאַטיוון אין זייער מלחמה קעגן גאָט: א סך דירות, שפּייז א. א. וו. ... אַנדערש איז מיט די פּאַלעסטינער בונדיסטן, זיי פאַרמאָגן בלויז צו־להכעיס פוטבאָל־שפּילן אום יום־כיפור... קורץ, נעבעך, זענען די הענט פון די פּאַלעסטינער בונדיסטן".

אָט־די ווערטער זענען געדרוקט שוואַרץ אויף ווייס אין דער ציטונג פונם „ערלעכן שרייבער" („ראַזסוועט", נומער 45, פון 6, 11, 32), און דאָס איז דער „אמת פון ארץ־ישראל", וועלכן דער הויפּט־אָרגאַן פון „געליי־טערטן ציוניזם" טראָגט אונטער דער רעוויזיאָניסטישער יוגנט, כדי צו צוגרייטן זי צו דער ריינער און ערלעכער מלאכה פון סטרייק־ברעכער און אָרגאַניזאַציאָנס שטערער אין ארץ־ישראל.

ג

רעוויזיאָניסטישע קאַמף־מיטלען

דאָס שטרעבן צו „צעברעכן" די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע איז ניט קיין אָריגינעלע המצאה פון זשאַבאָטינסקי'ן. דער שאַפער פונם רעוויזיאָניזם האָט איבערגענומען דעם „אידעאַל" פון דער „געליטערטער פּאַטריאָטישער" באַוועגונג אין דייטשלאַנד, וועמעס פירער איז היטלער. דאָ האָט ער אויך אַנטליען די ברוינע העמדלעך, די תורה פון „געלייטערטן נאַציאָנאַליזם" און די פּאָזע פון א דיקטאַטאָר. פון אָט־דער באַוועגונג האָט ער געלערנט די מלאכה פון באַשמוצן און פאַרלוימדן די אַרבעטער־באַוועגונג. סיי אין דער היטלער־פּרעסע און סיי אין די רעוויזיאָניסטישע ציטונגען ווערן די אַרבעטער מיט פאַראַכטונג באַצייכנט אַלס „מאַרקסיסטן", און גע־שטעמפּלט אַלס נאַציאָנאַלע פאַררעטער, ווירטשאַפט־שטערער און פיינט פון שטאַט.

דער זעלבער נומער פון „ראַזסוועט", וועלכער האָט אַנטדעקט דעם בונדיסטישן אָפּשטאַם פון די אידישע אַרבעטער־פירער אין ארץ־ישראל, סומירט אין א לייט־אַרטיקל „די קלאַסן־פּראָגראַם און קלאַסן־טאַקטיק פון אונזערע „מאַרקסיסטן" און אילוסטרירט די „מאַרקסיסטישע" פּראָגראַם

מיט פאלגנדיקע צוויי „פאקטן״:

„די פירער פון די לינקע האבן ניט איין מאל דערקלערט, אז זיי גיבן דעם פארצוג אראבישע ארבעטער איבער רעוויזיאניסטישע ארבעטער און „ביתר״־מיטגלידער...

„עס זענען געווען פאלן, ווען הסתדרות־פארשטייער האבן גע׳מסר׳ט פאר דער רעגירונג אויף רעוויזיאניסטישע ארבעטער, אז זיי געפינען זיך אין לאנד אומלעגאל״ („ראזסוועט״, נומער 45).

דער ועד־הפועל פון דער הסתדרות האט אנגעקלאגט די רעדאקציע פון „ראזסוועט״ פארן קאנגרעס־געריכט פאר מאכן פאלשע ב ל ב ו ל י ם. דער רעוויזיאניסטישער ארגאן וועט האבן די געלעגנהייט צו דערווייזן די פאקטן און אנרופן די נעמען פון די מוסרים ווי אויך די נעמען פון די, וואס האבן געמאכט די דערקלערונגען, ווי דער „ראזסוועט״ באהויפטעט — און די אידישע געזעלשאפטלעכע מיינונג וועט האבן די געלעגנהייט אפצושאצן ווי געהעריק די „מענטשלעכע און שרייבערישע ערלעכקייט״ פון די „ראזסוועט״ רעדאקטארן און די רעוויזיאניסטישע פירער.

שוין נישט צום ערשטן מאל, אז די הסתדרות גיט א געלעגנ־הייט די רעוויזיאניסטישע פארלוימדער צו דערהווייזן זייער ערלעכ־קייט — עס ווייזט אבער אויס אז צו דער אידישער עפנטלעכקייט אין חוץ־לארץ גרייכט ניט וואס עס קומט פאר אין לאנד, און עס איז ניטא קיין אפהאלט פאר א רעוויזיאניסטישער פארלוימדונג, וועלכע איז צוריקגע־ווארפן געווארן פון א געריכט אין לאנד, אז זי זאל ניט ווידער דערשיינען אין דער אלטער אדער באנייטער און „אויסגעבעסערטער״ פארם אין דער „ערלעכער״ פרעסע פון חוץ־לארץ. דאס האט אויך געטראפן מיטן בלבול פון „ראזסוועט״ וועגן דער „מסירה״.

אין משפט השלום ביי דער „כנסת־ישראל״ איז געהערט געווארן די קלאגע פון חבר. קושניר, אנפירער פון דער ארבעטס־ביורא פון דער הסתדרות אין בני־ברק, קעגן א רעוויזיאניסטישן באאמטן אין תל־אביב, וועלכער האט פארשפרייט קלאנגען, אז ח׳ קושניר האט פאר׳מסר׳ט פאר דער פאליציי א ביתר־מיטגליד, וועלכער איז געקומען אין לאנד אומלעגאל. דער משפט־השלום אין תל־אביב, באשטייענדיק פון דריי ריכטער: פ. דיק־שטיין, י. יעקבסאן און י. שצוב, האט אויסגעפונען, אז די באשולדיקונג קעגן קושניר איז פאלש, און פאר׳משפט דעם רעוויזיאניסטישן באאמטן צו פארוואורף חוץ א געלט־שטראף פאר דעם נאציאנאל־פאנד.

דער דאזיקער פסק־דין איז ארויסגעגעבן געווארן אין תל־אביב דעם ערשטן טאג פון חודש אלול פון יאר תרצ״ב, און פארשטייט זיך, אז אין לאנד האט מען שוין מער דעם בלבול ניט איבערגע׳חזר׳ט. אבער, וואס מען קאן גיט טאן אין לאנד, קען מען טאן אין חוץ־לארץ. אין „היינט״, נומער 212, פון 24טן אקטאבער, 1932, האט פארעפנטלעכט איינער י. י. יעלין, וועלכער קרוינט זיך מיט א דרייפאכן טיטול פון „מיטגליד פון ראט פון דער נאציאנאלער ארבעטער־הסתדרות אין א״י, מיטגליד פון פארוואלטונג פון די ארבעטס־אפטיילונגען פון „ביתר״ אין

א"י, און קאפיטאן פון „ביתר" אין א"י", אז דער לייטער פון דער הסתדרות ארבעטס־ביורא אין בני־ברק, הער קושניר, האט, וועלנדיק ארויס־שטופן ביתר'ישע ארבעטער, פאר'מסר'ט „וואו מען באדארף", אז איינער פון די ביתר־מיטגלידער געפינט זיך אין לאנד אומגעזעצלעך.

דער באניטער בלבול פון דעם ביתר'יסטישן קאפיטאן קעגן איינעם פון די הסתדרות־אנגעשטעלטע אין בני־ברק, וועלכער איז אנגערופן ביים נאמען, איז פארוואנדלט געווארן אינם מויל פון דעם ערלעכן „ראזסוועט"־רעדאקטאר אין א פארלוימדונג קעגן „די פארשטייער פון דער הסתדרות" בלשון רבים און אויף אן אנאנימען אופן.

וואס עס איז געווען פאר א פשוט'ן קאפיטאן פון ביתר — איז, פאר־שטייט זיך, ניט געווען פאר דעם הויפט־קאמאנדיר פון די רעוויזיאניסטישע לעגיאנען...

ד

די הסתדרות און אנדערע ארבעטער־ארגאניזאציעס

די מלחמה קעגן דער הסתדרות גייט איצט אן אויף דער גאנצער לענג פון דעם רעוויזיאניסטישן פראנט, פון פאריז ביז ווארשע און פון לאנדאן ביז ניו־יארק. ניט אלעמאל שטימען איין די רעוויזיאניסטישע פירער אין זייערע רייד און אין זייערע מיינונגען, באזונדערס אין זייערע הויפט־צענטערן — פאריז און לאנדאן. די צוויי רעוויזיאניסטישע הויפטשטעט זענען ניט שטענדיק שוה־בשוה. „פאריז" דערקלערט די ציוניסטישע וועלט־ארגאניזאציע אלס א בינטל פאררעטער, וועלכע מען דארף אויסראטן; „לאנדאן", פארקערט, וויל מיט איר גאנצן כח אויפהאלטן אט־די פאר־רעטערישע ארגאניזאציע.

„פאריז" פאדערט „אפשטעלן" יעדע קאלאניזאציאנס ארבעט אין א"י, ביז עס וועט אויפגעשטעלט ווערן א „קאלאניאלער רעזשים" — און „לאנדאן" איז דוקא גרייט פון צייט צו צייט צו דערלויבן דעם אידישן פאלק געוויסע טעטיקייטן נאך איידער די „געוואונשענע ארדענונג" איז עטאבלירט.

„פאריז" פאדערט ענערגיש מען זאל ארויסטרייבן די ענגלישע מאנדאט־טארמאכט פון לאנד און איבערגעבן דעם מאנדאט פון א"י צו א מער טרויענסווערטער מאנדאטאר־מאכט — „לאנדאן" אבער איז אין ספק, צי זאל מען זיך אנטשליסן אויף אזא אומבייט. אויך אין די פראגן פון דיק־טאטור און דעמאקראטיע אין דער רעוויזיאניסטישער פארטיי גופא זענען די צוויי „שטעט" ניט אינגאנצן איינשטימיק.

די לעצטע קאנפערענץ פונם רעוויזיאניסטישן „פארבאנד" אין ווין האט ניט פארקלענערט די ווידערשפרוכן, נאר פארקערט, חוץ די פריערדיקע חלוקי דעות האבן זיך אנטפלעקט ביי דער קאנפערענץ נייע שפאלטן אין דער אייזערנער וואנט פון דעם פאראייניקטן און צוזאמענגעגאסענעם רע־

וויזיאָניזם. אמת, דער דוצע האָט פאַרעפנטלעכט אינם הויפּט־אָרגאַן פון די „געליטערטע פּאַטריאָטן”, וואָס דערשיינט אויף רוסיש אין פּאַריז, אַ דיקטאַטאָרישן אַרטיקל אונטערן נאָמען: „אַזוי — און נאָר אַזוי!” אָבער דער דאָזיקער „אוקאַז” פונם פירער האָט ניט איינגעשטילט די אינערלעכע חלוקי־דעות, און עס איז נויטיק געווען אַן עקסטראַ מיטל צו פאַראייניקן די זיך שפּאַלטנדיקע רייען פון די רעוויזיאָניסטן — דער מיטל איז געפונען געוואָרן אין דער אַטאַקע אויף דער הסתדרות.

אין דער דאָזיקער אַטאַקע האָט „לאָנדאָן” ארויסגעהאָלפן „פּאַריז” מיטן גאַנצן האַרצן. אויף דער פּרעסע־קאָנפערענץ, וואָס דער לאָנדאָנער אָפּיס פון רעוויזיאָניסטישן וועלט־פאַרבאַנד האָט פאַררופן, האָט מ. גראָסמאַן, דער שני־לדוצע פון דער רעוויזיאָניסטישער מלוכה, געהאַלטן אַ פאָרטראַג וועגן דער „געשעעניש” — ד. ה. פרומינ׳ס סטרייק, דערביי דערקלערנדיק וואָרום די מיטגלידער פון „ביתר” האָבן געזוכט צו ברעכן דעם סטרייק, און בשעת מעשה ווידערהאָלט אַלע בלבולים פון „ראַזסוועט” און נאָך מיט אַ צוגאָב דערצו.

צווישן אַנדערעס האָט ער געזאָגט: די הסתדרות פאָרשטייער דערקלערן ביי יעדער געלעגנהייט, אַז זיי גיבן פאָרצוג אַראַבישע אַרבעטער איבער אידישע אַרבעטער, וואָס שטייען מחוץ די פּראָפעסיאָנעלע סאָציאַליסטישע יוניאָנס. די הסתדרות אַנטזאַגט זיך צו אָנערקענען וועלכע עס איז אַנדערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, וואָס שטעלט אַרויס די עלעמענטאַרע פאָדערונג אויף „רעכט צו אַרבעטן” („היינט”, נומ. 224, 7טן נאָוו. 1932 און „מאָמענט”, נומ. 258, 8טן נאָוו., 1932).

„לאָנדאָן”, הייסט עס, האָט זיך ניט מיט וואָס צו שעמען פאַר „פּאַריז” — אין שאַרפן דעם צונג קעגן דער הסתדרות שטייט זי ניט אָפּ קעגן דער רעדאַקציע פון „ראַזסוועט”: דער בלבול אויף דער הסתדרות, אַז זי באַרויבט דאָס רעכט אויף אַרבעט פון אַרבעטער, וועלכע זענען ניט אירע מיטגלידער, האָט ניט, לויטן אינהאַלט, מיט וואָס אַראָפּצופאַלן קעגן דער פאַרלוימדונג, אַז הסתדרות פאָרשטייער פאַר׳מסר׳ן פאַר דער רעגירונג רעוויזיאָניסטישע אַרבעטער.

די איינציקייט פון די אַרבעטער, דאָס הייסט, פון זייער אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע, איז אַ לעבנס־פראַגע פאַר אַרבעטער אין יעדן לאַנד, און באַזונדערס אין ארץ־ישראל. דאָ איז אויף דעם אידישן אַרבעטער ארויפגעוואָרפן געוואָרן אַן עקזיסטענץ־קאַמף, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן ניט, און אַ פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבע, וואָס האָט קיין פּאַראַלעל ניט. צו שאַפן אַן עקזיסטענץ פאַר אַ קולטורעלן אַרבעטער אין אַ סביבה פון ביליקע, קולטורלאָזע אַרבעטער מיט מינימאַלע פאָדערונגען, צו דערפילן אַ חלוצ׳ישע אויפגאַבע אין בויען דאָס לאַנד און דורכטרעטן אַ וועג פאַר פאָלקס־איינוואַנדערונג — איז אוממעגלעך אָן אַ בשותפות׳ער אָנשטרענגונג פון דעם אַרבעטער־כלל. יאָרן־לאַנג האָט זיך דער אידישער אַרבעטער אין ארץ־ישראל געראַנגלט מיט דער טראַדיציע פון שפּאַלטונגען און צעבראָקלטקייט, וועלכע ער האָט מיטגעבראַכט פון חוץ־לארץ — ביז עס האָט זיך

אים סוף־כל־סוף איינגעגעבן צו פאַרווירקלעכן די אַרבעטער־אייניקייט און אויפשטעלן די אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע פון די אידישע אַרבעטער אין א"י.

אין דעצעמבער פון 1920, ווען די הסתדרות האָט זיך געגרינדעט, האָט זי געציילט 4433 מיטגלידער, און אין דעצעמבער 1932 פאַרמאָגט זי 33,000 מיטגלידער. די פאַרגרעסערונג איז ניט נאָר אַבסאָלוט, נאָר אויך רעלאַטיוו. ווען די הסתדרות האָט זיך געגרינדעט האָט דער אידישער ישוב פון ארץישראל געציילט 66,500 נפשות, ד. ה., אַז דער פּראָצענט פון אָרגאַניזירטע אידישע אַרבעטער האָט באַטראָפן 6.6 פון גאַנצן ישוב, אין דער צייט ווען אין יאָר 1931, ווען דער אידישער ישוב אין ארץישראל האָט געגרייכט די צאָל פון 180,000 נפשות, האָבן די אָר־גאַניזירטע אידישע אַרבעטער באַטראָפן 17.3 פּראָצענט פונם ישוב. דער אידישער ישוב איז אויסגעוואַקסן אין משך פון דער צייט דריי מאָל, און די הסתדרות זיבן מאָל. איבער אַ דריטל פון דער דערוואַקסענער אידישער באַ־באַפעלקערונג און מער ווי דריי־פערטל פון אַלע אַרבעטער געהערן צו דער הסתדרות. בלויז אייניקע טויזנט אַרבעטער זענען אינגאַנצן ניט אָרגאַ־ניזירט און אייניקע הונדערט געהערן צו קלענערע אָרגאַניזאַציעס. אויב עס גיט אויף דער וועלט אַן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, וואָס פאַרדינט דעם נאָמען „אַלגעמיינע" איז דאָס די הסתדרות אין ארץ־ישראל. זי אַנטהאַלט אין זיך ניט נאָר דעם רוב מנין, נאָר אויך דעם רוב בנין פון דער ארץ־ישראל אַרבעטערשאַפט. יעדער אויפטו אויפן געביט פון אַרבעט און אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע, יעדע דערגרייכונג פונם אידישן אַרבעטער אין אַגריקולטור, אינדוסטריע, מלאכה און בוי, די קראַפט פון זיינע קול־טורעלע, פּראָפעסיאָנעלע און פּאָליטישע דערגרייכונגען, זיין קאָלאָניזאַציאָנס־און ציוניסטישע שאַפונג — דאָס איז אַלץ אַ דאַנק דער הסתדרות. און דאָך, ניט קוקנדיק אויף איר גרויסן ווערט אינם ישוב, האָט די הסתדרות זיך קיינמאָל ניט באַטראַכט אַלס זעלבסט־ציל, נאָר ווי אַ מיטל צום ציל, ווי אַ טרייב־קראַפט פאַר לאַנד־אויפבוי, ווי אַן אינסטרומענט פאַר אויפ־נעמען איינוואַנדערונג. ניט די טויזנטע און צענדליקע טויזנטע, וואָס זענען שוין אין לאַנד, נאָר די גרויסע מאַסן, וואָס געפינען זיך אין גלות, און וועלכע קלאַפּן אין די טירן פון לאַנד — זיי האָבן עס געגעבן די ריכ־טונג פאַר דער טעטיקייט פון דער הסתדרות. פון דער זעלבער ריכטונג ווערט דיקטירט די שטעלונג פון דער הסתדרות צו אַרבעטער, וועלכע שטייען אויסער אירע רייען.

די הסתדרות האָט זיך ניט געגרויסט און ניט באַרימט מיטן גרויסן עקאָנאָמישן און קולטורעלן אייגנטום, מענטשן־מאַטעריאַל, וואָס זי האָט אין זיך קאָנצענטרירט, נאָר זי האָט געוואוסט ווי אָפּצושאַצן און רעספּעקטירן יעדן ברעקל און קערנדל, וועלכע זענען, איבער וועלכע עס איז סבה, ניט אריינגעקומען אין איר ראַם

ווען דער „פועל־המזרחי" האָט זיך אָרגאַניזירט אין לאַנד, האָט די הסתדרות זיך אָנגעשטרענגט צו געפינען אַ געמיינשאַפטלעכע שפּראַך און אַ וועג פון פאַרשטענדעניש מיט דער נייער אָרגאַניזאַציע — הגם זי האָט

זיך ניט אפגעזאגט פון דער לעבנס־וויכטיקער נאציאנאלער און קלאסן־פאדערונג — דער אבסאלוטער איינהייט און גאנצקייט פון דער ארבע־טערשאפט אין דער אלגעמיינער ראם.

אויף דעם זעלבן אופן האט זיך די הסתדרות געפירט בנוגע דעם פארבאנד פון די בעלי־מלאכה, וועלכע קענען ניט ווערן קיין מיטגלידער פון דער הסתדרות, ווייל זיי היטן ניט אפ דעם פרינציפ פון אליין־ארבעט.

דעם 11טן יולי, 1929, איז אונטערגע'חתמ'עט געווארן א קאנטראקט צווישן די פארשטייער פון דער הסתדרות און די פארשטייער פון די בעלי־מלאכה וועגן „אן אפמאך צו פארזיכערן א ריכטיקע צעטיילונג פון ארבעט צווישן אלע ארבעט־זוכער, כדי אויסצומיידן קאנקורענץ און נידע־ריקע ארבעטס־לוין און כדי איינצושטעלן א באציאונג פון צוטרויען און קעגנזייטיקער הילף צווישן אלע ארבעטער און בעלי־מלאכה". דער אפמאך איז פארעפנטלעכט אין דעם דין־וחשבון פון דער הסתדרות אין סעפטעמ־בער, 1931.

דעם 19טן יולי, 1930, איז גע'חתמ'עט געווארן דער אפמאך צווישן דער הסתדרות און דעם „פועל־המזרחי" וועגן ארבעט־איינטיילונג, אויך דער אפמאך איז פארעפנטלעכט אין דעם ערשט דערמאנטן דין־וחשבון.

לעצטנס, ווען עס האט זיך געגרינדעט די ארגאניזאציע פון ארבעטער־רעוויזיאניסטן, מיטן קאמף קעגן דער הסתדרות אלס הויפט־ציל, האט זיך אויפגעהויבן א וכוח, צו זאל מען זיך נוהג זיין בנוגע דער ארגאניזאציע אויף דעם זעלביקן אופן, ווי בנוגע די אנדערע ארגאניזאציעס. דער ועד־הפועל פון דער הסתדרות האט באשלאסן, אז ניט קוקנדיק אויף דער אידעאלאגישער און פאליטישער אריענטאציע פון דער נייער ארגאניזאציע, דארף די הסתדרות איר שטעלונג ניט בייטן, און אויף וויפיל די זאך איז אפהענגיק פון דער הסתדרות, דארף זי זוכן אויך מיט דער נייער ארגאני־זאציע א וועג פון פארשטענדיקונג וועגן גערעכטער ארבעט־צעטיילונג און וועגן אפהיטן געהעריקע ארבעטס־באדינגונגען.

די מועצה פון דער הסתדרות, די העכסטע אינסטאנץ פון דער הסתדרות צווישן קאנפערענץ און קאנפערענץ, פארזאמלט סוף תשרי פון תרצ"ב, האט פארהאנדלט די פראגע און באשלאסן:

„די מועצה באשטעטיקט די שטעלונג פון דעם „ועד־הפועל" וועגן אריינגיין אין אפמאכן מיט ארבעטער פון אנדערע ארגאניזאציעס צו פאר־זיכערן גערעכטע ארבעט־צעטיילונג און געהעריקע ארבעט־באדינגונגען".

די רעזאלוציע איז אין דער ריכטיקער צייט פארעפנטלעכט געווארן אין דער ארץ־ישראל פרעסע, און אויף דעם גרונט פון דער רעזאלוציע, איז אין תל־אביב געגרינדעט געווארן א בשותפות'ע קאמיסיע פאר דער צעטיי־לונג פון שטאטישע ארבעטן. אין דער קאמיסיע באטייליקן זיך אלע ארבעטער־ארגאניזאציעס פון תל־אביב: די הסתדרות, הפועל־המזרחי, דער פארבאנד פון די תימנ'ער, דער פארבאנד פון די בעלי־מלאכה, און די ארגאניזאציע פון די רעוויזיאניסטן און ביתר.

זעלבסטפארשטענדלעך, אז דאָס אַלץ שטערט ניט דעם רעוויזיאָניס־טישן פירער אין לאָנדאָן צו באַהויפּטן, אז „די הסתדרות אנערקענט ניט קיין איין ארבעטער־אָרגאַניזאציע, וועלכע שטעלט ארויס די עלעמענטאַרע פאָדערונג פון „רעכט אויף ארבעט". די הייליקע מלחמה קעגן „מאַרק־סיסטעם" כשר'ט אַלע מיטלען.

ה

די רעוויזיאָניסטן אין דער „הסתדרות העובדים"

אין ווארשע, פּאַריז און ניו־יאָרק — די זעלבע סטראַטעגיק. דער צ. ק. פון די אַמעריקאַנער רעוויזיאָניסטן האָט צווישן אַנדערש פּאַרעפנט־לעכט, אין „מאָרגן־זשורנאַל" פון 28טן אָקטאָבער, 1932, פאָלגענדעס:

„איין הונדערט מיטגלידער פון הסתדרות האָבן דאָס רעכט ארויסצור־שטעלן זייער ליסטע פון קאַנדידאַטן צו די קאָנוועגשאָנס פון דער הסתדרות אין א"י. ווען באַטאַריסטישע און רעוויזיאָניסטישע גוט־שטייענדע מיט־גלידער פון דער הסתדרות האָבן געזאַמלט זעקס הונדערט אַזעלכע אונטער־שריפטן און ווען די ליסטע מיט די רעוויזיאָניסטישע קאַנדידאַטן זענען פּאַר איינע פון די קאָנוועגשאָנס געבראַכט געוואָרן אין דעם נויטיקן פּלאַץ, האָבן די הסתדרות'ניקעס אריינגעוואָרפן די ליסטע אין מיסט־קערבל און אַנגעבראָכן די רעוויזיאָניסטישע שלוחים די ביינער".

ווארום אַט־דער נאַרישער בלבול, אויסגעטראַכט פון אָנהויב ביזן סוף, איז דערשינען דווקא אין אַמעריקע, איז ניט שווער צו פאַרשטיין. ווער עס איז באַקאַנט מיט דער געזעלשאַפטלעכער מאָראַל בנוגע וואַלן אין געוויסע געגנטן פון אַמעריקע, וועט פאַרשטיין, אז דעם אַמעריקאַנעם לעזער וועט אַזא „מעשה" זיך לייגן אויפן שכל. אין א"י גופא וועט קיינער זיך ניט דערלויבן אויסצוטראַכטן אַזא געשיכטע. קיין ארבעטער־אָרגאַניזאציע אין דער וועלט פאַרמאָגט ניט אַזא וואַל־סיסטעם, לויט דער פינפער פאָרמולע, און היט ניט אָפּ די ריינקייט פון די וואַלן, ווי די הסתדרות העובדים אין ארץ־ישראל. די רשימה פון די ווייל,ער ווערט פאַרעפנטלעכט אין פאָראויס, און יעדערער האָט א רעכט צו מאַכן אָנקלאַ־געס. אין דער וואַל־קאָמיסיע זענען פאַרטראָטן אַלע ריכטונגען. צו דער לעצטער הסתדרות קאָנפערענץ זענען דערשינען רשימות פון אַלע ריכ־טונגען — די רעוויזיאָניסטן איינגעשלאָסן. קיינעם איז, פאַרשטייט זיך, ניט איינגעפאַלן צו פסל'ענען זייער רשימה און די רעוויזיאָניסטן, גלייך מיט אַנדערע, האָבן זיך באַטייליקט אין די וואַלן. פון דער אַלגעמיינער צאָל 17,183 שטימען האָבן די רעוויזיאָניסטן באַקומען 205, און זייערע צוויי דעלעגאַטן זענען דערווייל געוואָרן — דר. ווײַנשעל, א פירער פון די רעוויזיאָניסטן, און קלעקסאָלד. ביידע האָבן גענומען דאָס וואָרט אייניקע מאָל, און זייערע רייד, פּונקט ווי די רייד פון אַנדערע דעלעגאַטן, זענען אויספירלעך פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „דבר", אין צייט פון דער קאָנפערענץ. קיין איין וואָרט איז פון זיי ניט געהערט געוואָרן, וועגן

קריוודען, אָדער פּאַרזוך צו קריוודען די רעכט פון די רעוויזיאָניסטן ביי דער קאָנפערענץ. קיין איין קלאַגע איז ניט געמאַכט געוואָרן, אַז די באַציאונג פון דער הסתדרות צו די רעוויזיאָניסטישע מיטגלידער איז אַנדערש פון איר באַציאונג צו די איבעריקע מיטגלידער. אדרבא, סיי וויינשעל און סיי קלעקסאַלד האָבן געגעבן אַ פּאָזיטיווע אָפּשאַצונג פון דער טעטיקייט פון דער הסתדרות און אירע אַנשטאַלטן.

קלעקסאַלד האָט געזאָגט:

„מיר מוזן ראַטעווען דעם סולל־בונה אונטער אַלע אומשטענדן. דאָס איז אַן אַנשטאַלט, וועלכער האָט פאַר אונז איינגענומען די בוי־אינדוסטריע. מיר דאַרפן אים פאַרבעסערן און ניט אַרויסלאָזן אים פון אונזערע הענט. אונזערע אַנשטאַלטן זענען באַלאָדן מיט שווערע חובות — דאַרפן מיר שאַפן אייגענע פינאַנץ־אינסטיטוציעס. מיר האָבן דאָך די זעלבע מעגלעכקייטן צו שאַפן מיטלען ווי די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, וואָרום זאָלן מיר עס ניט טאָן?"

און וויינשעל, פון די הויפּט־רעוויזיאָניסטישע פירער, און דווקא פון דעם עקסטרעמען פליגל, האָט געזאָגט:

„דער אויפטו פון דער הסתדרות אויפן געביט פון דערציאונג — איז אויסערגעוויינלעך גרויס. דער „אוהל" איז דאָס איינציקע טעאַטער אין לאַנד, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אָן אַפּוטרופּסות — דאָס איז אַ גרויסער מאָראַלישער און קולטורעלער זיג פאַר דער הסתדרות, פאַרן „אוהל" און זיין רעזשיסאָר. דער „דבר" איז די איינציקע ציטונג אין לאַנד מיט גענוגנדער אינפאָרמאַציע. דער „דבר" האָט געערעדט, ווען די אַנדערע ציטונגען האָבן געשוויגן. די הסתדרות האָט געבויט היימען און שפּיטאָלן. די פאַרוואַלטונג פון תל־אביב האָט ניט קיין הויז און די הסתדרות יאָ. און אויב עס איז ניט געווען קיין אַנדער וועג ווי צו אָרגאַניזירן אַ מאַסן סקויט־באַוועגונג, ווי אונטערן שילד פון דער הסתדרות — איז דאָס אַ פּאָזיטיווער אויפטו. אַ התחלה פון פּאַרלאַמענטאַריזם קען מען געפינען ניט אין אספּת הנבחרים און אודאי און אודאי ניט אין תל־אביב'ער שטאָט־פאַרוואַלטונג (וויינשעל איז דאַן געווען אַ מיטגליד פון דער פאַרוואַלטונג), נאָר דווקא ביי דער קאָנפערענץ...

„די מסקנות, וואָס מיר קענען פון דעם מאַכן, זענען: מיר האָבן געוואָלט אויפשטעלן קלאַסן־אינסטיטוציעס, און מיר האָבן געשאַפן וויכטיקע נאַציאָנאַלע אויפטוען. ווער מען אונז זאָגן, אַז די הסתדרות טעטיקייט איז איינזייטיק און פון אַ קלאַסן־כאַראַקטער, וועלן מיר אויף דעם ענטפערן, אַז וואָס מיר האָבן אויפגעטאָן איז ניט צוליב אַ קלאַס, נאָר צוליב דער גאַנצער געזעלשאַפט. זאָלן מיר זיך ניט רירן פון אונזערע פּאָזיציעס. אויב מען וועט דערקלערן קריג דער קופּת־חולים אָדער דער ועדת־התרבות — וועט עס זיין אַ מלחמה־דערקלערונג ניט קעגן איין קלאַס, נאָר קעגן דעם געזונטן קערן פונם ישוב, וואָס קעמפט פאַר זיינע גערעכטע פאָדערונגען"...

אזוי האָבן גערעדט די רעוויזיאָניסטישע דעלעגאטן אויף דער הסתדרות־קאָנפערענץ, און אויב זייערע חברים אין אמעריקע טענה'ן איצט דעם היפוך פון דעם, איז ניטאָ אויף זיי וואָס צו וואונדערן זיך. אויף די הסתדרות־קאָנפערענצן רעדט מען העברייאיש — און די פּאַטריאָטן פון דעם „געלייטערטן ציוניזם", וואָס באַשמוצן אין חוץ־לארץ די ארץ־ישראל'דיקע ארבעטער־באַוועגונג, זענען ניט מחויב צו קענען די שפּראַך...

ו

דער קאַמף פון דער הסתדרות פאַר אידישער אַרבעט און דער ענין כפר־סבא

„ווען מיט צוויי יאָר צוריק האָבן אין כפר־סבא געפעלט אידישע ארבעטער און מיטגלידער פון „ברית־טרומפּעלדאָר" — די יוגנט־אָרגאַני־זאַציע פון דער רעוויזיאָניסטישע פּאַרטיי — האָבן געזוכט ארבעט, האָט די „הסתדרות" דערקלערט צו די בעלי־בתים: „שטעלט בעסער אַן אַראַבער, אבי ניט קיין רעוויזיאָניסטן". אזוי דערציילט מ. דאַנציס אין דעם ניו־יאָרקער „טאָג" פון 31טן אָקטאָבער, 1932. דער אמעריקאַנער צענטראַל־קאָמיטעט פון די רעוויזיאָניסטן גיט פון זיין זייט צו: „אַ נייטראַלע קאָמיסיע האָט אונטערזוכט דעם אינצידענט און האָט ארויסגעטראָגן אַ ווערדיקט לטובת די בעטאַריסטן" („מאָרגען־זשורנאַל" פון 28טן אָקטאָ־בער, 1932).

די הסתדרות־דעלעגאַטן אין אַמעריקע, וועלכע דער ועד־הפּועל האָט באַפּולמעכטיקט צו אָנקלאָגן די אַמעריקאַנער רעוויזיאָניסטן פאַרן ציוניס־טישן קאָנגרעס־געריכט, וועלן געוויס באַקומען איינצלהייטן וועגן די נעמען פון די הסתדרות־מענטשן, וועלכע האָבן געמאַכט די דערמאָנטע דערקלערונגען צו די אַרבעטסגעבער פון כפר־סבא, ווי אויך די נעמען פון דער נייטראַלער קאָמיסיע, וועלכע האָט אויסגעפאָרשט דעם אינצידענט, ווי אויך דעם נאָמען פון דעם אנשטאַלט, וואָס האָט באַשטימט די קאָמיסיע, און אויך דעם אָפיציעלן טעקסט פון דעם פּסק־דין און פון די צייטונגען, וואו דער פּסק־דין איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן. פאַר אונז, ארץ־ישראל'דיקע, זענען די אַלע זאַכן, וואָס זענען אזוי באַוואוסט און אָפן פאַר די אַמערי־קאַנער רעוויזיאָניסטן, אַ סוד שבסוד, וועגן וועלכן מיר האָבן ביז היינטיקן טאָג אַפילו קיין אָנצוהערעניש ניט געהאַט. אין כפר־סבא איז דאָך אָבער עטוואָס פאָרגעקומען, און דער „כפר־סבא אינצידענט" דינט במשך פון צוויי יאָר, אין פאַרשיידענע נוסחאות, אלס רעוויזיאָניסטישער העץ־מאַטעריאַל קעגן דער הסתדרות. יעדער אינגל און מיידל פון בית"ר אין יעדן פּויליש שטעטל ווייסט, אַז די הסתדרות־מענטשן האָבן אין כפר־סבא מיט צוויי יאָר צוריק גערויבט דאָס רעכט אויף אַרבעט פון מיט־גלידער פון בית"ר, הגם עס איז דאַן געווען אַ מאַנגל אין אַרבעטער, און אַז צוליב דעם איז געקומען צו ברודער־קריג, אריינמישונג פון פּאָליציי א. אַז. וו. עס איז אַ געזעלשאַפטלעכע פליכט, קודם כל כלפּי דער

רעוויזיאָניסטישער יוגנט, צו באַקאַנט מאַכן אַלע פּרטים פון דעם ענין.

ווי באַוואוסט, געפינט זיך כפר־סבא אין דעם שרון־געגנט, וואו אידישע אַרבעט איז הונדערט־פּראָצענטיק. אַט־די געגנט איז איינער פון די גרעסטע נצחונות אין דעם פאַרצוויפלטן קאַמף פונם אידישן אַרבעטער פאַר אידישער אַרבעט, אַ קאַמף, וואָס ציט זיך מער, ווי אַ האַלב־יובל יאָרן.

די צווייטע עליה, וואָס האָט אויפגעהויבן די פאָן פון אַרבעט אין ארץ־ישראל און אין ציוניזם, האָט געפונען אין לאַנד צוריק מיט אַ פערטל־יאָרהונדערט דעם פאָלגענדן מצב: אידישע קאָלאָניעס, וואו די בעלי־בתים זענען אידן און די אַרבעטער אַראַבער, חוץ קליינע אויסנאַמען. די רעזול־טאַטן פון די ערשטע 25 יאָר קאָלאָניזאַציע, אָנהויבנדיק מיטן יאָר 1882, זענען געווען: צוואַנציק קאָלאָניעס, טויזנט קאָלאָניסטן, פינף הונדערט אידישע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, דריי טויזנט אַראַבישע אַרבעטער, וועלכע נעמען אַרויס פון די אידישע קאָלאָניעס יערלעך אַרום אַ מיליאָן פראַנק. אַט־די קאָלאָניזאַציע האָט אָפּגעקאָסט ניינציק מיליאָן פראַנק, און כמעט דאָס גאַנצע געלט איז אַוועק צום אַראַבישן ישוב! (לויט די ציפערן און מאַטעריאַלן, וואָס משה סמילאַנסקי האָט פאַרעפנטלעכט אין „העומר", ערשטער באַנד, צווייטע העפט, אין יאָר 1907, אינם אַרטיקל „אין לעבן און ליטעראַטור", זייט 35).

זכרון־יעקב אַליין, מיט אירע „טעכטער" שפיה און בת־שלמה, מיט אַ באַפעלקערונג פון הונדערט אידישע קאָלאָניסטן, האָט אָפּגעקאָסט דעם באַראָן ראָטשילד אין משך פון אַכצן יאָר (ד. ה. ביז'ן יאָר 1900) מער ווי צען מיליאָן פראַנק. (אחד־העם: דער ישוב און זיינע אַפּוטרופּסים", אין „על פרשת דרכים", באַנד 2). די אַלע קאָלאָניעס, וואָס דער באַראָן האָט געשטיצט — זכרון־יעקב, יסוד המעלה, מתולה, פּתח־תקוה, עקרון, ראשון־לציון, ראש־פּנה — האָבן אים אָפּגעקאָסט, לויטן חשבון פון אחד־העם, פערציק מיליאָן פראַנק ביזן יאָר 1900. און דער באַראָן האָט ביז היינטיקן טאָג ניט אויפגעהערט שטיצן אַט־די קאָלאָניעס און די נייע, וואָס זענען געגרינדעט געוואָרן נאָך זיי. און די גאַנצע ריזיקע אינוועסטירונג האָט אַרויסגעשטראָמט דורכן קאַנאַל פון אַראַבישער אַרבעט צום ניט־אידישן ישוב.

קעגן אַט־דעם שאַנדהאַפטן און געפערלעכן צושטאַנד האָט די צווייטע עליה דערקלערט אַן אומקאָמפּראָמיסלעכע מלחמה, און די מלחמה גייט נאָך אָן.

די פּראָבלעם פון אידישער אַרבעט איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין צענטער פון די פּראָבלעמען פונם ישוב; און אויב אפילו עס האָט זיך איינגעגעבן די מענטשן פון דער צווייטער עליה, — וועלכע די „ערלעכע" רעוויזיאָניסטישע פּרעסע באַצייכנט אַלס פאַרשטעלטע בונדיסטן — צו איבערגעבן די תורה פון אידישער אַרבעט, אין טעאָריע, צו דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג (פאַרשטייט זיך, נאָך לאַנגען און שווערן קאַמף), האָבן זיי דאָך ניט געקענט אויספירן, אַז אין דער פּראַקטיק זאָלן די אידישע קאָלאָניעס איינפירן אידישע אַרבעט. און נאָך איצט באַשעפטיקן די אַלע

אַלטע קאָלאָניעס, וואָס האָבן פאַרשלונגגען צענדליקע מיליאָנען פאָלקס־געלדער, טויזנטע ניט־אידישע אַרבעטער, און אין צענדליקע און הונדערטע ווירטשאַפטן פון אַט־די קאָלאָניעס, אויפן שטח פון צענדליקע טויזנטע דונאַמען, הערשט אַ חרם קעגן דעם אידישן אַרבעטער.

די אַלע יאָרן איז דער אידישער אַרבעטער איינזאַם געשטאַנען אין זיין קאַמף, און די הסתדרות איז איצט דער איינציקער כח אינם ישוב, וואָס זעצט פאָר עקשנות׳דיק, קרבנות׳פול און מיט קנאות די מלחמה פאַר פולער אידישער אַרבעט אין דער אידישער ווירטשאַפט אין דאָרף און אין שטאָט.

יאָר איין, יאָר אויס, באַזונדערס אין צייט פון קטיף, באַנייט דער אַרבעטער זיין קאַמף, און יאָר איין, יאָר אויס צאָלט דער אַרבעטער טייער פאַר זיין אויסגעהאַלטענעם און געטריַיען קאַמף. די, וואָס ליגן אַריין אין חרם דעם אידישן אַרבעטער, שיקן קעגן אים אַראַבישע פּאָליציי, און אידישע אַרבעטער און אַרבעטערינס, צעשלאָגענע, ווערן געשלעפּט אין תפיסה, גע׳משפט, פאַר זייער מלחמה פאַר אידישער אַרבעט — און די געשלאָגענע און אַרעסטירטע זענען מיטגלידער פון דער הסתדרות.

דער אָנפירער פון די אַמעריקאַנער רעוויזיאָניסטן קען זיך דערציילן „וועגן דער מלחמה קעגן אָנשטעלן אַראַבישע אַרבעטער אין פתח־תקוה, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון „ברית טרומפעלדאָר“ און ווי די הסתדרות האָט קאַפּיטולירט און „ברית טרומפּעלדאָר“ איז געבליבן ביזן לעצטן מאָמענט אויף די קעמפערישע פּאָזיציעס“ („טאָג“ פון 31טן אָקטאָבער, 1932).

מיר, ארץ־ישראל׳דיקע, האָבן ניט געהערט וועגן אַזאַ העלדישן קאַמף פון בית״ר אין פתח־תקוה. חוץ דעם ביתר׳ישן פאַרזוך פון „כבוש עבודה“ פון אידישע אַרבעטער אין כפר־סבא און אין פרומינ׳ס פאַבריק — ווייס קיינער ניט אין ארץ־ישראל אַפילו וועגן אַן איינצעלנעם פאַל פון קאַמף פאַר „כבוש עבודה“ מצד דער „נאַציאָנאַלער“ יוגנט. די אַלע אַרבעטער, וואָס זענען געשלאָגן געוואָרן פון דער פּאָליציי און נאָכדעם אַרעסטירט געוואָרן צוליב דעם קאַמף פאַר „כבוש עבודה“, געהערן בלויז צו דער הסתדרות. קיין איין פּאַרטיי אין ארץ־ישראל — חוץ דער אַרבעטער־פּאַרטיי — ניט די אַלגעמיינע ציוניסטן, ניט מזרחי און ניט די רעוויזיאָניסטן, האָבן ניט געהאָלפן דעם קאַמף פאַר אידישער אַרבעט, הגם ביי ציוניסטישע קאָנגרעסן מאַכן זיי, פאַרשטייט זיך, דעקלאַראַציעס און דעמאָנסטראַציעס פאַר אידישער אַרבעט אַלס יסוד היסודות פון לאַנד־אויפבוי.

פון די פילע קאַמפן פאַר אַרבעט וועלן מיר דערמאָנען בלויז איין עפּיזאָד — דעם בלוטיקן טאָג אין פתח־תקוה (דעם 16טן דעצעמבער, 1927). פערצן אידישן אַרבעטער און אַרבעטערינס זענען ביז בלוט אַכזריות׳דיק געשלאָגן געוואָרן פון דער אַראַבישער פּאָליציי, שטייענדיק אין די פּיקעט־שורות ביי די פּרדסים פון ענגעל, סאַפּיר און פּאַסקאַל. זיבעצן אַרבעטער זענען אַרעסטירט געוואָרן און פאַר׳משפט צו חודש

תפיסה. אַ ציטער האָט אָנגעכאַפּט די גאַנצע קאָלאָניע צוזעענדיק, ווי די פאַרוואונדעטע אַרבעטער און אַרבעטערינס, באַגיסנדיק זיך מיט בלוט, ווערן געשלעפּט פון דער אַראַבישער פּאָליציי. צוזאַמען מיט פּתח־תקוה האָט אויפגעציטערט דער גאַנצער ישוב.

די אַרבעטער־צייטונג „דבר" האָט דעמאָלט געשריבן צו די פאַר־וואונדעטע און אַרעסטירטע חברים:

„אַ גרויסע זכיה האָט איר. איר האָט געקעמפט פאַר דער שענסטער און דער הייליקסטער זאַך דאָ... איר האָט זוכה געווען, אַז אייער קאַמף זאָל ניט זיין פאַראיינצעלט און איינזאַם, ווי עס איז געווען דער קאַמף פון אונז, וואָס זענען אהער געקומען פאַר אייך. איר האָט זוכה געווען, אַז אייער קאַמף זאָל געפירט ווערן מיט דער מאָראַלישער אונטערשטיצונג פון טויזנטער מענטשן פון ישוב און פון חברים. איר זענט ניט אַליין אויפן פראָנט, ווי מיר זענען עס געווען מיט צוואַנציק יאָר צוריק, און ווי עס זענען געווען די פון אייך, וואָס האָבן באַנייט דעם קאַמף פאַר כבוש עבודה מיט פינף יאָר צוריק. מען וועט אייך ניט בייקומען און מען וועט אייך ניט דערשרעקן מיט בלבולים, קלעפּ און אַרעסטן. ניטאָ קיין אונטער־געבן זיך אין אָט־דעם היסטאָרישן קאַמף. די אידישע קאָלאָניע וועט אָדער עקזיסטירן אויף אידישער אַרבעט, אָדער זי וועט אויפהערן עקזיס־טירן אין די אויגן פונם אידישן פאָלק." („דבר", 776, כ"ד כסלו, תרפ"ח).

דער געשריי פון די קעמפער פאַר אַרבעט אין פּתח־תקוה האָט דאַן אַרומגענומען אַלע אידן. אַלע אידישע צייטונגען האָבן איבערגעריסן זייער שווייגן און האָבן אויסגעדריקט פאַרביטערונג קעגן דעם הויפן אידישע עפּענדים, וועלכע ענטפערן מיט בלוט־פאַרגיסונג אויף דער פאָדערונג פון אַרבעט פונם אידישן אַרבעטער, דערביי וואַרפנדיק שאַנד אויף דער מוטער פון די אידישע קאָלאָניעס.

בלויז איין צייטונגס־מענטש האָט זיך דאַן געפונען, איין איינציקער פון אַלע שרייבער און זשורנאַליסטן פון יענער צייט, וועלער האָט מלמד זכות געווען און פאַרטיידיקט די פּתח־תקוה'ר תקיפים און געוואָרפן די שולד אויף די אידישע אַרבעטער — דער צייטונגס־מענטש איז געווען וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי...

* * *

דער קאַמף פונם אידישן אַרבעטער אין משך פון 25 יאָר — הגם אָפט האָפענונגסלאָז — איז ניט געווען אומזיסט. טויזנטע אידישע אַרבעטער אַרבעטן איצט אויך אין די אַלטע קאָלאָניעס, וועלכע זענען דערצויגן גע־וואָרן אין דער טראַדיציע פון ביליקער, ניט־אידישער אַרבעט — און אינם שרון, געגנט פון פּריוואַטער קאָלאָניזאַציע, הערשט הונדערט־פּראָצענטיקע אידישע אַרבעט. אָט־די קאָלאָניעס, וואָס זענען געבויט געוואָרן נאָך דער מלחמה, אין די יאָרן פון ציוניסטישן אויפשוואונג, פון מתישבים ציוניסטן מיט דער הילף פון די ציוניסטישע אַנשטאַלטן, נאָך דער מלחמה פון אַ פערטל־יאָרהונדערט פאַרן געדאַנק פון אידישער

ארבעט — זענען לכתחילה באזירט געוואָרן אויף פּועלער אידישער ארבעט, און ביסלעכווייז ווערט געשאַפן אַ נייע טראַדיציע, אַ טראַדיציע פון אידישער אַרבעט, וואָס ווערט אַלץ מער איינגעוואָרצלט. צווישן די קאָ־לאָניעס אָבער איז דאָ איין קאָלאָניע — כפר־סבא — וואָס איז אין דער בחינה פון שטעטל. געבויט איז געוואָרן די קאָלאָניע נאָך פאַר דער מלחמה, אין דער תקופה פון ביליקער אַרבעט. זי איז געווען חרוב גע־וואָרן אין צייט פון מלחמה, און צוריק אויפגעבויט געוואָרן צוזאַמען מיטן יונגן ישוב פון שרון. די מערסטע פון די קאָלאָניסטן און אייגנטימער זענען פון דער נייער עליה, וועלכע האָבן אָנגענומען דעם חוב פון אידי־שער אַרבעט, אידעאָלאָגיש און פּראַקטיש, אָבער אַ טייל פון די קאָלאָניסטן שטאַמען פון פּתח־תקוה מיט אַ טראַדיציע פון אַראַבישער אַרבעט. די דאָזיקע האָבן מיט גרויס שוועריקייט שלום געמאַכט מיט דער נייער „גזירה". יעדער פּרואוו צו פּורץ גדר זיין האָט זיך אָנגעשטויסן אָן דער ווידערשטאַנדס־קראַפט פון דער אָרגאַניזירטער אידישער אַרבעט, פון דער הסתדרות, וואָס האָט מיט איר אָרגאַניזירטקייט אויפגעבויט אַ פעסטע וואַנט אַרום דער אידישער אַרבעט. און די, וואָס האָבן געזוכט צו בטל מאַכן די „גזירה" פון אידישער אַרבעט, האָבן פאַרשטאַנען, אַז זיי מוזן קודם כל דורכברעכן אָט־די וואַנט.

פון צייט צו צייט זענען אין כפר־סבא געמאַכט געוואָרן אַטאַקעס אויף דער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע — די אַטאַקעס זענען אָבער דורכגעפאַלן, ווייל דער אַרבעטער־צבור איז געווען פאַראייניקט. ניט אַלע אַרבעטער זענען געווען מיטגלידער פון דער הסתדרות, אָבער אויך די אַרבעטער, וואָס זענען געשטאַנען מחוץ פון דער הסתדרות, האָבן פאַרשטאַנען ווי לעבנס־וויכטיק עס איז צו אָפּהיטן די גאַנצקייט פון דער אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע, און זיי האָבן, פאַרשטייט זיך, ניט געגעבן זייער הילף צו די שטערער.

דער קאָלאָניסטן־ראַט פון כפר־סבא איז געווען גענייגט צו אַריינ־ברענגען תימנישע אַרבעטער אין קאָלאָניע, פאַרשטייט זיך, ניט צוליב זאָרג פאַר די תימנישע אַרבעטער, נאָר צוליב דער האָפענונג צו שאַפן פון זיי אַ בייטש קעגן דער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע; די תימנ'ער אַרבעטער האָבן פאַרשטאַנען צוליב וואָס מען וויל זיי אויסנוצן, און זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן דער הסתדרות. אַ שטיקל צייט האָט דער קאָלאָניסטן־ראַט געווען געטראַכט צו אויסנוצן דעם פּועל־המזרחי קעגן דער אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע, אָבער אויך זיי האָבן ניט געוואָלט נעמען אויף זיך די שליחות פון „ברעכן". די אַרבעטס־ביוראָ האָט צעטיילט די אַרבעט צווישן אַלע אַרבעטער, סיי מיטגלידער פון דער הסתדרות און סיי מיטגלידער פון אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, און אין קאָלאָניע האָט מען ניט געהערט וועגן קיינע אָנקלאַגעס, הגם 18 פּראָצענט פון די כפר־סבאַ'ר אַרבעטער האָבן ניט באַלאַנגט צו דער הסתדרות. און וואָלטן די אַרבעטער פון בית"ר געקומען בלויז צו זוכן אַרבעט, וואָלט קיין שום סכסוך ניט אויסגעבראָכן, פּונקט ווי עס זענען קיין סכסוכים ניט געווען מיט די תימנ'ער אָדער מיט

דעם פועל־המזרחי. אָבער מיט דעם אריינקומען פון די בית״ר־לייט איז דערשינען אַ נייער פאקטאָר — די רעוויזיאָניסטישע פּארטיי, וועלכע האָט צוזאַמען מיט דעם קאָלאָניסטן־ראַט זיך געשטעלט אַ בשותפות׳דיקן צוועק: „יאָ ברעכן״...

לויט אַן אָפּמאַך פון דעם קאָלאָניסטן־ראַט מיט דעם „שטאַב״ פון בית״ר זענען אריין אין כפר־סבא אין אָנהויב פון חודש ניסן, תר״צ, זיבעצן ביתר׳ישע ארבעטער. די פאָרשטייער פון דער ארבעטס־ביוראָ האָבן זיך גלייך געווענדעט צו זיי מיט אַ פאָרשלאָג צו אָננעמען ארבעט אויף דעם אופן ווי אַלע ארבעטער נעמען זי אָן. אויף דעם האָבן די בית״ר ארבעטער געענטפערט, אַז זיי שטייען אונטער דער קאָמאַנדע פון זייער הויפּט־שטאַב און אַז זיי קענען ניט אריין אין זעלבסטשטענדיקע אונטער־האַנדלונגען. בלויז איינער פון זיי איז ארויס פון בית״ר, ווען עס איז אים קלאָר געוואָרן, אַז קיין געגנערשאַפט עקזיסטירט ניט „אויפן פּלאַץ״ קעגן רעכט אויף ארבעט פון מיטגלידער פון בית״ר, און אַז דער גאַנצער סכסוך איז געשאַפן געוואָרן ספּעציעל כדי צעברעכן די עקזיסטירנדיקע ארבעטער־אָרגאַניזאַציע און אויף אַזאַ אופן שטעלן אין סכנה אַלע דער־גרייכונגען פון דער אידישער ארבעט.

דעם ניינטן טאָג אין חודש ניסן איז דער שרייבער פון די שורות געקומען אין כפר־סבא, אַלס שליח פון דעם ועד־הפועל פון דער הסתדרות. ער האָט איינגעלאַדן די פאָרטרעטער פון די בית״ר ארבעטער און געגעבן זיי צו דערקלערן, אַז ניט קוקנדיק אויף אידעאָלאָגישע און פּאָליטישע חלוקי דעות, באַטראַכט די הסתדרות די בית״ר ארבעטער אַלס חברים אין ארבעט, און אַז זייער רעכט אויף ארבעט שיידט זיך ניט אונטער אויף אַ האָר פונם ארבעטס־רעכט פון אַנדערע ארבעטער, דערביי אָבער באַ־טראַכט די הסתדרות אַלס איר חוב צו רופן זייער אויפמערקזאַמקייט אויף דער סכנה פאַר אידישער ארבעט און פאַר מענטשלעכע ארבעטס־באַדינגונגען, אויב מען זאָל צעשטערן די אַלגעמיינע ארבעטער־אָרגאַניזאַציע. און אַז זיי, די ביתרים, טאָרן ניט אויספירן די שאַנדהאַפטע שליחות, וואָס דער קאָלאָניסטן־ראַט וויל אויף זיי ארויפלייגן. דער ענטפער איז געווען: „אַלץ וואָס דער „שטאַב״ הייסט, וועלן זיי טאָן.״

און דער באַפעל פונם „שטאַב״ אויף מאָרגן איז געווען: מלחמה קעגן דער הסתדרות. די ביתרים דאַרפן אָננעמען ארבעט ניט ווי די אַנדערע ארבעטער, לויט דער אָנגענומענער אָרדענונג און דער אָנגענומענער צעטיילונג פון דער ארבעטס־ביוראָ, נאָר אויף אַ ספּעציעלן אופן, דירעקט פון קאָלאָניסטן־ראַט און ניט רעכענענדיק זיך מיט דער ארבעטס־לאַגע אין דער קאָלאָניע. די פּאָליציי איז געבראַכט געוואָרן אין כפר־סבא. די ביתרים האָבן זיך באַראַטן צווישן זיך און האָבן דערקלערט, אַז זיי וועלן ניט ארבעטן אונטערן שוץ פון פּאָליציי. דער זעלבן טאָג נאָכמיטאָג איז אָבער געקומען דער שליח פון „שטאַב״, הער ראַזאָוו פון פּתח־תקוה, און אונטער זיין השפּעה זענען די ביתרים געגאַנגען צו דער ארבעט אונטערן שוץ פון אראַבישע פּאָליציסטן.

ווען די פּאָליציי האָט פאַרלאָזן דעם פּרדס, זענען ווידער די אַרבעטער געקומען און געפאָדערט פון די ביתרים צו פאַרלאָזן די אַרבעט. די פּאָליציי האָט זיך ווידער באַוויזן און די אַרבעטער זענען פאַנאַנדערגעטריבן געוואָרן. דריי אַרבעטער זענען אַרעסטירט געוואָרן און אָוועקגעפירט געוואָרן אין פּתח־תקוה. ווען דער אַרבעטער־עולם האָט זיך דערוואוסט וועגן די אַרעסטן, האָט אָנגעהויבן הערשן גרויס אויפרעגונג צווישן זיי. אַלס פּראָטעסט האָבן די שטענדיקע אַרבעטער פאַרלאָזן דעם פּרדס, און בלויז די ביתרים זענען פאַרבליבן אַרבעטן. אַ גרופּע אַרבעטער זענען דאַן אַריינגעקומען אין פּרדס, פאָדערנדיק ביי די ביתרים, אַז זיי זאָלן פאַרלאָזן די אַרבעט. עס האָט אויסגעבראָכן אַ שווערע קריגעריי צווישן ביידע צדדים און צוויי ביתרים זענען פאַרוואונדעט געוואָרן.

אויף דער עפנטלעכער פאַרזאַמלונג, וואָס די הסתדרות האָט פאַררופן, האָט דער שרייבער פון די שורות געזאָגט:

„די דערגרייכונג אינם שרון איז איינע פון די גרעסטע דערגרייכונגען פון די אַרבעטער אין משך פון אַ 25־יאָריקן קאַמף. אַפילו די גלויביקסטע צווישן אונז האָבן ניט געוואָגט צו חלומ'ען, אַז אין ארץ־ישראל וועט געבויט ווערן אַ קאָלאָניע אויף גערונגענער אַרבעט, און די אַרבעט זאָל זיין הונדערט פּראָצענט אידיש. אָבער דער נס איז געשען. און דער נס איז געשען, ווייל דער אידישער אַרבעטער האָט זיך אַלע מאָל באַטראַכט אַלס שליח פונם גאַנצן פאָלק, ווייל ער האָט געקעמפט פאַר פולן ציוניסטישן אינהאַלט אין דער קאָלאָניזאַציע, און די ציוניסטישע עפנטלעכקייט איז מער און מער דורכגעדרונגען געוואָרן מיט דעם באַוואוסטזיין און איז געצוואונגען געווען צו איינשטעלן זיך פאַר דעם אַרבעטער. מיטן כח פון די היסטאָריש־פּאָליטישע נויטן פון דעם אידישן פאָלק האָט דער אידישער אַרבעטער באַזיגט די קאָנקורענץ פון ביליקער אַרבעט, די עקאָנאָמישע געזעצן, און האָט איינגענומען פאַרן ציוניזם די גרויסע פּאָזיציע — דעם אידישן שרון. און אָט האָט זיך געפונען אַ דרויסנדיקער כח — אין דער געשטאַלט פון דער רעוויזיאָניסטישער פּאַרטיי — וואָס איז געקומען העלפן די געגנער פון אָט־דער ציוניסטישער דערגרייכונג. אין וואַרשע און ריגע פּלאַפּלט מען וועגן אַ אידישער מדינה — און דאָ אין ארץ־ישראל שטיצט מען מיט מאָראַלישער שטיצע די ערגסטע פון פּתח־תקוה. די פעלשער פון טרומפּעלדאָר'ס נאָמען באַנוצן זיך מיט דער אומוויסנהייט פון אַ טייל פון דער יוגנט, כדי צו פאַרוואַנדלען זיי אין אַן אינסטרומענט פון נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער פּראָוואָקאַציע. מיר האָבן קיין מורא ניט פאַר סכסוכים מיט אַרבעטסגעבער. די אַרבעטסגעבער מוזן אונז האָבן — מיר מוזן זיי אָנערקענען. עס איז ניט קיין שאַנדע צו מאַכן פּשרות מיט אונזערע עקאָנאָמישע קעגנער. פּשרה איז נויטיק פאַר זיי און פאַר אונז. דאָס לאַנד, אין פּראָצעס פון בויאונג, נויטיקט זיך סיי אינם אַרבעטער און סיי אינם קאַפּיטאַליסט. מיר באַגריסן אַפילו קאַפּיטאַליסטישע שאַפונגען אויף אַזוי ווייט ווי זיי דינען דעם ציוניזם, דער עליה. מיר וועלן געפינען אַ וועג ווי צו אַרבעטן מיט די קאַפּיטאַליסטן. אָבער דער נייער פאַקטאָר פון

פראוואקאציע, דער רעוויזיאניזם, רופט ארויס אונזער זארג. ניט די ביתר׳ישע יוגנט איז אונזער שונא. זיי וועלן מיר ארייננעמען גערן. עס זענען אויך ניטא קיין קאנפליקטן צווישן די ארבעטער און די קאלאניסטן, וואס מיר זאלן ניט קענען שליכטן. די סכנה איז אין דער אחריות־לאזיקייט, נאציאנאלער און סאציאלער, מצד דעם רעוויזיאניסטישן עלעמענט —און קעגן דער סכנה איז דא בלויז איין כח, דער ארגאניזאציאנס־כח פון דעם אידישן ארבעטער אין ארץ־ישראל.״ („דבר״, נומער 1483, דעם 14טן אפריל, 1930).

דאס זענען די רייד, וועלכע די הסתדרות האט גערעדט, בשעת דעם סכסוך. וואס פאר א רייד די „ערלעכע״ שרייבער פון די רעוויזיאניסטישע רעדאקציעס אין חוץ־לארץ האבן נאכדעם צוגעשריבן דער הסתדרות, האבן מיר געלייענט אינם אנהויב פון דעם קאפיטל.

ז

לשכת־עבודה (ארבעטס־ביורא)

דער חשק צו „ברעכן״ די הסתדרות איז ניט ניי פאר דער רעוויזיאניסטישער פארטיי. דער רעוויזיאניסטישער פירער טראגט ארום דעם חלום ביי זיך אין הארצן שוין עטלעכע יאר, און זיינע נאכפאלגער אין ארץ־ישראל האבן שוין עטלעכע מאל פרובירט פארווירקלעכן דעם חלום — נאר אן הצלחה. אפיציעל איז דער פארשלאג צו „ברעכן״ דערשינען אויף דער רעוויזיאניסטישער קאנפערענץ אין פראג (אויגוסט 1930). דער פארשלאג צו אויפשטעלן א קאנקורענץ־ארגאניזאציע און צו העצן איין ארבעטער קעגן דעם אנדערן האט ארויסגערופן גרויס געגנערשאפט אויף דער קאנפערענץ. די רעוויזיאניסטישע עפנטלעכע מיינונג איז נאך דעמאלט ניט גענוג צוגעגרייט געווען פאר אזא נידעריקן טאט. איינער פון די רעוויזיאניסטישע פירער האט אפילו פארלאזן די פארטיי, אויף יענער קאנפערענץ, נאכדעם ווי עס איז אים קלאר געווארן דער אמת׳ער סאציאלער פרצוף פון זיינע פארטיי־פירער. מען האט צוליב דעם געמוזט מאכן פשרות און אפלייגן די וויכטיקע רעזאלוציע און דערווייל „צוגרייטן די הערצער״ פון אינעווייניק: מען האט געדארפט ארויסשטעלן די הסתדרות אלס שונא פונם לאנד־אויפבוי, און אלס באוויז — די לשכת־עבודה. דורך דער לשכה, וועלכע געפינט זיך אונטערן רשות פון דער הסתדרות, שטרעבט זי צו הערשן איבער דער פריוואטער ווירטשאפט און איבער די ארבעטער, וואס זענען מחוץ דער הסתדרות; אזוי פארטרייבט מען דעם קאפיטאל פון לאנד און מען דריקט אונטער יעדן ארבעטער, וואס שטימט ניט איין מיט דער הסתדרות. א לאזונג איז געשאפן געווארן: א נייטראלע לשכת־עבודה.

אין נאוועמבער 1930 האט זיך דער צ. ק. פון די רעוויזיאניסטן געווענדעט צום ועד־הפועל פון דער הסתדרות מיט א בריוו, אין וועלכן עס זענען פארמולירט געווארן די פאלגנדיקע דריי הנחות:

1) די פאַרבעסערונג פונם מצב פונם אידישן אַרבעטער און די אַנטוויקלונג פון די אַנשטאַלטן, וועלכע באַזירן אויף אידישער אַרבעט — דאָס זענען צוויי צילן, וואָס גייען האַנט־אין־האַנט.

2) איינער פון די וויכטיקסטע יסודות פונם געזעלשאַפטלעכער פאַר־שטענדיקונג, און אפשר דער וויכטיקסטער, איז אַ נייטראַלע לשכת־עבודה, דאָס הייסט, אַ בשותפותידיקע לשכה פון אַרבעטער און אַרבעטסגעבער.

3) דער אַנשטאַלט, וועלכער אַנערקענט ניט די פּרינציפּן, מעג ער זיין פון אַרבעטסגעבער אָדער אַרבעטער, איז עלול צו ברענגען שאָדן דעם בוי פון דער אידישער מדינה.

„די הסתדרות — זאָגן די בריוו־שרייבער — שטיצט איצט ניט אַזאַ שטאַנדפּונקט, און ניט נאָר זי העלפט ניט דער שאַפונג פון אַ נייטראַלער לשכה, נאָר זי זעט אין איר אַ סכנה פאַרן מצב פון דעם אידישן אַרבעטער אין לאַנד. לויט איר מהות האָט די הסתדרות געדאַרפט זיין אַ ריין־פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע, דאָס הייסט אַן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע פאַר דער באַשיצונג פון די פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסן פונם אַרבעטער, אַן וועלכע עס איז פּאַרטיי צילן, אַן אָרגאַניזאַציע, צו וועלכער עס זאָל קענען געהערן יעדער אידישער אַרבעטער, וואָס פאַר אַ מיינונגען ער זאָל ניט האָבן בנוגע ציוניזם, און דערביי זאָל ער ניט ליידן פון קיין שום רדיפות אין דער הסתדרות פאַר זיינע מיינונגען.

„און הגם מיר שטימען ניט איין מיט דער מיינונג, אַז אַ פאַר־גרעסערונג אין צאָל פון אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין אַ לאַנד שטעלט כלומרשט אין סכנה דעם אַרבעטער און די גאַנצע נאַציאָנאַלע ווירטשאַפט, דאָך וואָלטן אויך מיר ליבער געזען, אַז אין ארץ־ישראל זאָל זיין איין פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע פון אַלע אידישע אַרבעטער, און די באַשאַפונג פון אַ צווייטער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע וואָלטן מיר בלויז דאַן באַטראַכטן פאַר מעגלעך און ווינטשנסווערט, ווען עס וואָלט פאַר אונז אַבסאָלוט קלאָר געווען, אַז די איצטיקע הסתדרות וויל ניט טראָגן קיין אומפּאַרטייאישן און ריין־פּראָפעסיאָנעלן כאַראַקטער.”

דער ועד־הפועל פון דער הסתדרות האָט געענטפערט מיט פאָלגנדן בריוו:

תל־אביב, 30טן יאַנואַר, 1931.

צום אויספיר־קאָמיטעט פונם פאַרבאַנד פון די ציוניסטן־רעוויזיאָניסטן, לאָנדאָן.

ג. ח:—

מיר באַשטעטיקן דאָס דערהאַלטן פון אייער בריוו פון 9טן נאָוועמבער, 1930. מיר באַנוצן די געלעגנהייט פאַר אַ פּרואוו צו באַזייטיקן אַ ריי טעות'ן און באַגריפן וועגן דעם כאַראַקטער און וועג פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין א"י לויט ווי מיר זעען דאָס אין אייער בריוו. אונז וועט זייער פרייען, ווען אונזערע אויפקלערונגען וועלן ביי אייך פאַר־שטאַרקן דעם אחריות־געפיל פאַרן קיום פון איין איינציקער אָרגאַניזאַציע פון די אידישע אַרבעטער אין א"י, און זיי וועלן מיטהעלפן פאַרמיידן דאָס גרינדן אַרבעטער־גרופּן אָפּגעזונדערט און אָפּגעריסן פון דעם אָרגאַניזירטן אַרבעטער־כלל אין לאַנד.

דער וועג און די אָנשטרענגונגען פונם אידישן אַרבעטער זיך צו באַפעסטיקן אין דער אידישער ווירטשאַפט און אין דער אַרומיקער סביבה פון ביליקער אַרבעט, שאַפן פאַר זיך אַרבעטס- און לעבנס-באַדינגונגען, וואָס דערמעגלעכן זיין קיום אין די ראַמען פון אָט-דער ווירטשאַפט, — איז אַ זייער שווערער וועג. יעדער פּרואוו צו ברעכן די אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע און אויפצושטעלן קאָנקורענץ-גרופּן איז אַ חטא ניט נאָר קעגן דער אַרבעטערשאַפט אַליין, נאָר אויך קעגן דעם הויפּט-ציל פון ציוניזם, פונם שאַפן דעם אידישן אַרבעטנדיקן ישוב אין לאַנד. אַזוי אַרום זענען די אַלע סעפּאַראַטע אָרגאַניזאַציעס פון די מזרח-עדות, פון רעליגיעזע אַרבעטער און פון רעוויזיאָניסטישע גרופּן, אויף וויפל זיי זענען דאָ, אָדער דאָרט, אַנשטאַנען, פאַקטיש געוועזן — באַוואוסטזיניק אָדער ניט — אַ געווער אין די הענט פון יענע עלעמענטן, וואָס זענען פאַראינטערעסירט אַראָפּ-צודריקן דעם אַרבעטס-לוין פונם אידישן אַרבעטער, אָדער צו צעברעכן זיין איינציקע אָרגאַניזאַציע, וועלכע שטערט זיי צו פאַרשפּרייטן די ביליקע אַראַבישע אַרבעט אין דער אידישער ווירטשאַפט. די ספּעציעלע פּראָטעקציע, וואָס פאַרשידענע אַרבעטס-געבער, קאָנטראַקטאָרס און קאָלאָניסטן גיבן צו די אָפּגעזונדערטע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס, ווערט כמעט שטענדיק באַגלייט מיט אַן אָפענער, אָדער פאַרבאָרגענער כוונה פּטור צו ווערן פונם אידישן אַרבעטער, וועלכער איז אָרגאַניזירט אין זיין הסתדרות און באַשיצט זיין אַרבעטס-רעכט און באַדינגונגען, כדי זיי זאָלן דערנאָך קענען אומגעשטערט אַריבערגיין צו ביליקער אַראַבישער אַרבעט. די באַרימטע געשעענישן אין כפר-סבא קענען דאָס נאָר באַשטעטיקן אַ איבעריק מאָל. צווישן די פאַרביסענע אָנהענגער אַריינצוברענגען אַ רעוויזיאָניסטישע אַרבעטער-גרופּע אין כפר-סבא, אויסמיידנדיק דאָס אַרבעטס-ביוראָ, זענען אויך געוועזן אַזעלכע, וואָס האָבן אַביסל שפּעטער זיך געפּרואווט דורכ-ברעכן אין שרון אַ וועג פאַר אַראַבישער ביליקער אַרבעט. און וואָלט טאַקע דאַן געלונגען דעם קאָלאָניסטן-קאָמיטעט מיט דער הילף פון דער גרופּע אַרבעטער פון ברית טרומפּלדאָר, אָפּצושוואַכן די פּאָזיציעס פון דער הסתדרות אין כפר-סבא, איז גאָר קיין ספק נישטאָ, אַז די בייזע כוונות פון אָט-די וואָס האָבן זיך פאַרמאָסטן קעגן דער אידישער אַרבעט אין שרון וואָלטן געהאַט אַ פרייען וועג און עס וואָלט ניט געווען מער יענער כוח, וואָס זאָל זיך קענען זיי אַנטקעגנשטעלן. ניט נאָר אונזער אַל-געמיינער שטאַנדפּונקט וועגן דער איינהייט פונם אַרבעטער-קלאַס, נאָר אויך אונזער נסיון אין אַרבעט און קאַמף אין א"י, זענען אונז מחייב צו מקיים זיין מיט דער גאַנצער פעסטקייט אָט-דעם יסוד, וועלכן איר וואַרפט אָפּ מיט אייערע ווערטער — „מיר זענען ניט מסכים צום געדאַנק, אַז די פאַרמערונג פון אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס אין אַ לאַנד איז, כביכול, אַ סכנה פאַרן אַרבעטער אַליין און פאַר דער גאַנצער נאַציאָנאַלער ווירט-שאַפט". יעדע אינערלעכע קאָנקורענץ, אפילו מצד אַ קלענערער גרופּע אַרבעטער, איז גורם צו אינעווייניקסטע שטרייטיקייטן אין דער אַרבעטער-שאַפט גופא, זי מאַכט שווערער דעם קאַמף כלפּי חוץ און נעמט ביי איר אומזיסט אַוועק כוחות, וועלכע זי דאַרף נויטיק האָבן ביים דעראָבערן נייע פּאָזיציעס — פאַר בוי- און שאַפונגס-אַרבעטן.

און מיט אָט-דעם באַוואוסטזיין אונזערן נעמען מיר גערן אָן די דערקלערונג וועגן אייער גרייטקייט און האָפנונג „צו מאַכן אַ סוף צו די ניט-געוואונטשענע סכסוכים און אויפצושטעלן די געזעלשאַפטלעכע און סאָציאַלע אחדות אינעם לאַנד".

וואָס-זשע זענען אייגנטלעך די סיבות, וואָס שטערן, לויט אייער מיינונג, דער אָרגאַניזאַציאָנעלער איינהייט פון אַלע אַרבעטער אין לאַנד

און וואָס שטויסן, כּלומר׳שט, גרופּן פון אַרבעטער־רעוויזיאָניסטן אויפצושטעלן אַן אייגענע אָרגאַניזאַציע?

לויט אייער בריוו און לויטן באַשלוס פון דער פערטער קאָנפערענץ פונם פאַרבאַנד פון די ציוניסטן־רעוויזיאָניסטן, זענען דאָס:

א) דער פּאַרטייאישער און ניט־פּראָפעסיאָנעלער כאַראַקטער פון דער הסתדרות העובדים, און ב) די שטעלונג פון דער הסתדרות אין דער פראַגע פון אַרבעטס־ביוראָען.

אָבער, לײדער, ווי מיר זעען דאָס אין אייער בריוו, האָט איר דווקא אין די צוויי פראַגן אַן אַבסאָלוט ניט ריכטיקע פאָרשטעלונג וועגן דער הסתדרות העובדים.

די הסתדרות איז ווייט פון מאַכן אונטערשידן צוליב פּאַרטייאישע מאָטיוון ביים פאַרטיידיקן די רעכט און אינטערעסן פון אירע מיטגלידער, וואָס געהערן צו פאַרשידענע פּאַרטייען. די הסתדרות האָט אין איר יעדער לאָקאַלער אָפּטיילונג איינגעפירט די אינסטיטוציע פון קאָנטראָל־קאָמיטעטן, וואָס ווערן געוויילט, אין קעגנזאַץ צו די עקזעקוטיוו־אָרגאַנען, ניט דורך אַלגעמיינע מאַיאָריטעט־וואַלן, נאָר דורך פּראָפּאָרציאָנעלע וואַלן, וואָס דערמעגלעכן יעדער באַדייטנדער שטרעמונג אין הסתדרות צו זיין אין זיי פאַרטראָטן. די דאָזיקע קאָנטראָל־קאָמיטעטן קלערן אויף יעדע אָנקלאַגע פונם פּרט און פון אַ קאָלעקטיוו קעגן די אינסטיטוציעס און קעגן די פאַראַנטוואָרטלעכע פערזאָנען אין דער הסתדרות. אמת, אין שווערע צייטן, ווען די הסתדרות האָט אָביעקטיוו ניט די מעגלעכקייט צו באַפרידיקן אַלע פאָדערונגען און באַדערפעניש, ראַטעוועט איר דער קאָנטראָל־קאָמיטעט ניט פון חשדים אין איינזייטיקייט. אין אַזעלכע צייטן טענה׳ן חברים פון דער מערהייטס־פּאַרטיי, אַז זייערע רעכט ווערן איגנאָרירט צוליבן ווילן צו זיין צדיקים כּלפּי די מינדערהייטן, און די מיטגלידער פון די מינדערהייטס־פּאַרטייען טענה׳ן, ווידער, אַז זייערע רעכט ווערן באַ׳עול׳ט צוליב דעם, וואָס די מערהייטס־פּאַרטיי באַשיצט בפרט אירע מיטגלידער. אָבער פּאַקטיש זענען ביידנס טענות נאָר אַ רעזולטאַט פון פאַרביטערטקייט פון אַ חבר, וואָס לעבט איבער אַ שווערע צייט, אָבער דאָס איז ניט קיין פּועל־יוצא פון דעם וועג און סיסטעם, אין וועלכן עס גייט די הסתדרות און אירע אינסטיטוציעס. אויך די באַשולדיקונגען, וואָס איר דערמאָנט אין אייער בריוו, וועגן דער „אַקטיווער פיינטלעכער באַציאונג צום רעוויזיאָניסטישן אַרבעטער אָדער צום חבר פון בית״ר" — זענען ניט באַגרינדעט. די חברים רעוויזיאָניסטן פון דער „מנורה" קבוצה, וואָס זענען געווען הסתדרות מיטגלידער, זענען ניט באַהאַנדלט געוואָרן ערגער ווי אַנדערע חברים, און אויך דער רעוויזיאָניסטישער קבוץ אין יבנאל, וואָס איז ניט אַריין אין דער הסתדרות, האָט געפונען דעם וועג פון אַ הסכם מיט דער הסתדרות אין אַרבעטס־ענינים. שווערע שטרייטיקייטן זענען געווען נאָר דאָרטן, וואו רעוויזיאָניסטישע גרופּן האָבן זיך אונטערגעגראָבן אונטער דעם באַשטייענדיקן אַרבעטס־סיסטעם, וואָס די הסתדרות האָט אויסגעקעמפט מיט אַ סך מי, און וואו די האַנדלונג פון אייערע גרופּן איז אויסגענוצט געוואָרן אַלס געווער דורך יענע עלעמענטן, וואָס האָבן זיך געשטעלט דעם ציל צו צעברעכן דעם אָרגאַניזירטן כּוח פונם אידישן אַרבעטער. מיר וואַרפן קאַטעגאָריש אָפּ אָט־די סתם־באַשולדיקונגען אין אייער בריוו, כאָטש ווי איר זאָגט, ווילט איר זיך ניט „אַריינלאָזן אין די אָנקלאַגן און אויספאָרשן זייער גערעכטיקייט". מיר זענען, דווקא, פאַראינטערעסירט אין אַ גרינדלעכער אויספאָרשונג פון יעדער אָנקלאַגע און פון יעדער באַשולדיקונג, אַז די הסתדרות זאָל האָבן געמאַכט אַ אונטערשיד צווישן איין חבר

און אַ צווייטן. יעדנפאַלס איז אייער מיינונג, אַז „די הסתדרות דאַרף זיין פריי פון יעדער פּאַרטייאישער נייגונג און זי דאַרף זיך באַציען גלייך צו אַלע אירע מיטגלידער אָן אונטערשיד פון פּאַרטיי און איבערצייגונג" — די מיינונג, וואָס הערשט אין דער הסתדרות להלכה ולמעשה.

די צווייטע און אַנדערע פראַגע איז דאָס פּראָבלעם וועגן דעם „ריינעם פּראָפעסיאָנעלן כאַראַקטער" פון דער הסתדרות. לויט דער גאַנצער נאַטור, לויט די אַלע אויפגאַבן און צילן פונם אידישן אַרבעטער אין א"י קען זיין הסתדרות ניט זיין פּראָפעסיאָנעל אַליין. די צוקונפט פונם אידישן אַרבעטער אַליין און דער גורל פונם אידישן ישוב, וועלכן ער בויט אויף, זענען אַזוי געקניפּט און געבונדן מיט דער ציוניסטישער עקאָנאָמישער און קולטורעלער טעטיקייט, אַז די אידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע קען זיך פון איר ניט אָפּזאָגן און אָפּגעבן זיך נאָר מיטן קאַמף פאַרן לוין און אַרבעטס־שעה'ן. די שאַפונג און קאַמף פונם אידישן אַרבעטער אויפן געביט פון קאָלאָניזאַציע און פון דעראָבערן די העברייאישע שפּראַך און קולטור זענען פאַר אים ניט קיין וויניקער וויכטיקע ענינים ווי זיין אָרגאַניזאַציאָנעלע און פּראָפעסיאָנעלע טעטיקייט. אָט־די באַזונדערע ציוניסטישע אויפגאַבן פונם אידישן אַרבעטער גיבן דאָס דעם טעם פאַר זיין ספּעציפישער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע, וואָס ווערט געבויט אויפן יסוד פון די ספּעציפישע צילן פונם אידישן אַרבעטער אין א"י. קעגן אָט־דער אָרגאַניזאַציע־פאָרם און קעגן אָט־דעם כאַראַקטער פון דער הסתדרות האָבן אין פאַרלויף פון יאָרן אומזיסט געקעמפּט אינערהאַלב פון דער הסתדרות די „אַרבעטער־פראַקציע" (מ. פּ. ס.) צוזאַמען מיט גרופּן פון די לינקע פּועלי־ציון, וואָס פּרעדיקן דעם געדאַנק פון אַ ריין־פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע. דאָס אָפּשליסן זיך פון דער הסתדרות, איר באַשרענקען זיך אין די ראַמען פון פּראָפעסיאָנעלע אויפגאַבן און דאָס אָפּזאָגן זיך פון ציוניסטישע אויפגאַבן וועלן, לויט אונזער מיינונג, ברענגען אַן אומגליק סיי דער צוקונפט פון דעם אַרבעטער און סיי צום ציוניסטישן ווערק,—און מיר שטעלן זיך ניט פאָר, אַז אַ ציוניסטישע גרופּירונג זאָל קענען פּרעדיקן דעם וועג.

ניט וויניקער פאַרגרייזט זענען אויך די באַגריפן, וואָס איר האָט זיך געשאַפן אין דער פראַגע וועגן דער הסתדרות־שטעלונג צו די אַרבעטס־ביוראָען. איידער די אַרבעטערשאַפט האָט אויסגעבויט אייגענע אַרבעטס־ביוראָען, האָט זי געמאַכט אַ סך אָנשטרענגונגען אין פאַרשידענע פלעצער פונם לאַנד, כדי אויפצושטעלן געמיינזאַמע אינסטיטוציעס פאַר דער רעגולירונג פון די אַרבעטער־ענינים. אויסער די פילע לאָקאַלן פּרוּוון, האָט די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע אין יהודה נאָך פאַר דער מלחמה פאָרגעשלאָגן דער דאַמאָלדיקער ציוניסטישער דעלעגאַציע אין לאַנד (מיט דער באַטייליקונג פון נ. סאָקאָלאָוו, ל. מאָצקין און דעם פאַרשטאָרבענעם ב. גאָלדבערג'ן) אַ פּראָיעקט פון אַ בשותפות'דיקער אינסטיטוציע פון קאָלאָניסטן און אַרבעטער פאַר אַלע אַרבעטס־אָנגעלעגנהייטן. און נאָר נאָכן דורכפאַל פון אָט־די אַלע פּרוּוון און פּראָיעקטן האָט די אַרבעטערשאַפט אויסגעבויט אירע אייגענע איינריכטונגען פאַר דער רעגולירונג פון אַרבעט. אָבער אויך נאָך דעם באַטראַכט די גרעסטע מערהייט פון דער אַרבעטערשאַפט יעדע דערקלערונג און פאָרשלאַג פון קאָלאָניסטן, וואָס דריקן אויס זייער גרייטקייט צו שליסן אַן אָפּמאַך מיט די אַרבעטער און נעמען אויף זיך אַ חלק פון דעם יאָך אין דער אַרבעטס־רעגולאַציע, פאַר אַ גרויסן געווינס, וועלכן מען דאַרף דערמונטערן און אונטערשטיצן.

די הסתדרות העובדים האָט דערגרייכט אַ הסכם מיטן פאַראיין פון די אינדוסטריעלער אין דער פראַגע פונם אַרבעטס־ביוראָ און דער הסכם איז ניט גע'חתמ'עט געוואָרן, ווייל מ'האָט ניט געפונען קיין לייזונג צו אַנדערע פראַגן פון די אַרבעטס־באַדינגונגען. די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַר־

בעטער־אָרגאַניזאַציע האָט גע'חתמ'עט, מיט דער באַשטעטיקונג פון דעם
עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דער הסתדרות העובדים. אַ קאָנטראַקט
מיט די קאָלאָניעס מגדיאל און רעננה. לויט דעם אָפּמאַך זענען אַצינד אין
די צוויי קאָלאָניעס געגרינדעט געוואָרן געמיינזאַמע ביוראָען, וואָס זענען
צוזאַמענגעשטעלט אויף פּאַריטעטע יסודות פון אַרבעטס־געבער און אַר־
בעטער. אויך בשעת'ן קאָנפליקט אין כפר־סבא האָט די הסתדרות פּאַר־
געשלאָגן צו שאַפן אַן אַרבעטס־ביוראָ, אויף וועלכן עס זאָל קומען די
הסכמה פון די אַרבעטער און אַרבעטס־געבער, און אין וועלכן בײדע זאָלן
זיך באַטייליקן. פון דאַנען איז גענדרונגען, אַז אויב „אַ נייטראַלע אַרבעטס־
ביוראָ באַדייט אַ געמיינזאַמע ביוראָ פון אַרבעטער און אַרבעטס־געבער",
באַציט זיך דאָך די הסתדרות צו דעם פּאָזיטיוו. די געגנערישקייט פון דער
אַרבעטערשאַפט איז צו אַ „נייטראַלן" ביוראָ, וואו עס זענען ניטאָ נישט
קיין אַרבעטער און ניט קיין אַרבעטס־געבער, און וועלכע קען דעריבער
ברענגען צו אַנאַרכיע אין די אַרבעטס־באַציאונגען, ווייל אַזוי אַרום ווערט
פּאַקטיש בטל די עקזיסטירנדע אָרגאַניזאַציע און ס'ווערט אויף איר
פּלאַץ ניט אויפגעבויט קיין אַנדער קאָמפּעטענטע קערפּערשאַפט, וואָס זאָל
זיך שטיצן אויף רעאַלע כוחות. אין אַזאַ וועג זעען מיר אַ סכנה פּאַרן מצב
פונם אידישן אַרבעטער און פּאַר די אַרבעטס־באַציאונגען אין לאַנד. דאָס
וועט ניט פירן פּאָראויס נאָר צוריקהאַלטן דאָס איינפירן פון ריכטיקע באַ־
ציאונגען צווישן אַרבעטער און אַרבעטס־געבער.

צום סוף — אַ באַמערקונג וועגן דעם ניט־פּאַרטייאישן כאַראַקטער
פון דער הסתדרות־צייטונג, וועלכע ווערט דערמאָנט פּאַרבייוועגס און אָן
קיין שום אויפקלערונג אינם סוף פון אייער בריוו. די אַרבעטער־צייטונג
איז אַ פרייע טריבונע פּאַר יעדן געדאַנק און מיינונג, וואָס האָבן אָנהענגער
אין דער אַרבעטערשאַפט. יעדע שטרעמונג אינערהאַלב פון דער הסתדרות
קען אין דער צייטונג פּאַרעפנטלעכן אירע מיינונגען און אויפקלערן אירע
צילן. דאָס הייסט ניט, פּאַרשטענדלעך, אַז די צייטונג האָט ניט קיין באַ־
שטימטע דערציערישע און סאָציאַלע טענדענץ, וואָס איז אין הסכם מיט
דעם וועג און מיט די איבערצייגונגען פון דער אַרבעטער־מערהייט. אויף
דעם קען קיין אַרבעטערשאַפט זעלבסטפּאַרשטענדלעך ניט מוותר זיין,
פּונקט ווי זי וועט ניט מוותר זיין אויף אירע אַנדערע נאַציאָנאַלע, סאָציאַלע,
קאָלאָניזאַטאָרישע און קלאַסן־אויפגאַבן. דאָס דערציען דעם ניי־איינ־
וואַנדערנדן און דעם אַרבעטער צו זייערע נאַציאָנאַלע און קלאַסן־צילן איז
ניט אָפּצוטיילן פון דעם גאַנצן וועזן פון דער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, און
עס קען גאָרניט געמאָלט זיין קיין קיום פון אַ צייטונג פון די אידישע
אַרבעטער אין ארץ־ישראל, וואָס זאָל זיך דערווייטערן פון אָט־די אויפגאַבן.

מיר האָפן, אַז אונזער בריוו וועט גענוגן כדי צו געבן אייך צו פּאַר־
שטיין די שטעלונג פון דער הסתדרות אין די פראַגן, וואָס איר האָט
אויפגעשטעלט אין אייער בריוו. מיר זענען שטענדיק גרייט מוסיף צו זיין
צו אונזער אויפקלערונג, מינדלעך און שריפטלעך, צו אייערע פּאַרטרעטער,
אָבער דער ועד־הפועל פון דער הסתדרות איז ניט קאָמפּעטענט צו פּאַר־
האַנדלונגען וועגן דעם וועג, אין וועלכן די הסתדרות דאַרף גיין. די גרונד־
יסודות פון אָט־דעם וועג פון דער הסתדרות ווערן פעסטגעשטעלט אויס־
שליסלעך אויף די אַלגעמיינע אַרבעטער־צוזאַמענפאָרן, אין וועלכע יעדע
גרופּע אַרבעטער אינערהאַלב פון דער הסתדרות האָט די פולע מעגלעכקייט
פּאָרצוברענגען אירע פּאָרשלאָגן און פּראָיעקטן דורך אירע געוויילטע
פּאַרטרעטער.

מיט אַכטונג,

א. גאָלאָמב.

ג. ב. — אונזער תשובה אויף אייער בריוו, וועלכן מיר האבן באקומען סוף נאוועמבער 1930, האט זיך פארשפעטיקט צוליב פארשידענע סבות. בדיעבד זעען מיר א גוטן צד אין דעם, וואס די פראגן ווערן אויפגעקלערט צאינד און ניט אין די סאמע פאלעמיק־טעג פון די וואלן צו דער כנסת־ישראל אינם לאנד. הנ"ל.

אין אן ארטיקל אין „מארגען־זשורנאל" פון 6טן נאוועמבער, 1932, אונטערן נאמען „פויסט־הערשאפט אין ישוב", גיט איבער זשאבאטינסקי דעם ענטפער פון דער הסתדרות אויף אזא אופן:

„די הסתדרות האט געענטפערט: אז ער קאן נאך איינגיין אויף לשכות־עבודה פון ארבעטער מיט ארבעטסגעבער דארטן, וואו דיביידע צדדים זענען וויליק זיך צו אייניקן, אבער ניט אויף קיין נייטראלע „לשכות" וואו עס זאלן זיך באטייליקן אויך „מענטשן, וואס האבן ניט קיין שום שייכות צום ענין" (ד. ה. פארטרעטער פון ישוב, פון קאנגרעס און פון די מוניציפאליטעטן")."

אין אט־די קורצע שורות האט זשאבאטינסקי דערוויזן צו אריינ־ברענגען צוויי פארדרייאונגען:

1) די הסתדרות האט אין איר ענטפער קיין אונטערשייד ניט גע־מאכט צווישן „בשותפות'ער לשכה" און „נייטראלער לשכה", ווי יעדער לייענער פונם בריוו קען עס אליין זען. אין דעם אונטערשייד האט זי ניט געמאכט צוליב דעם פשוט'ן טעם: דער צענטראל־קאמיטעט פון די רע־וויזיאניסטן, וועלכער האט זיך געווענדעט צו דער הסתדרות אויך אין זשאבאטינסקי'ס נאמען, זאגט בפירוש אין זיין בריוו: „א נייטראלע לשכה — דאס הייסט א בשותפות'ע לשכה פון ארבעטער און ארבעטס־געבער". די פראגע איז געשטעלט געווארן צו דער הסתדרות וועגן איר באציאונג צו אזא לשכה, און אויף דעם האט זי געענטפערט.

2) אין דעם בריוו פון דער הסתדרות איז קיין איין ווארט ניטא וועגן דעם, אז זי זאל זיין קעגן דער באטייליקונג פון פארטרעטער פון „ישוב און קאנגרעס", און די גענערשאפט האט דער „ערלעכער שרייבער" פשוט אויסגעטראכט.

און זשאבאטינסקי דערציילט ווייטער וועגן דעם ענטפער פון דער הסתדרות:

„די הסתדרות האט ניט געקענט ענדערן איר פרינציפיעלע שטעלונג (דאס הייסט: קלאסן־קאמף און דאס רעכט צו באקעמפן יענע ארבעטער־ארגאניזאציעס, וועלכע זענען קעגן קלאסן־קאמף אין ארץ־ישראל")."

אויך דא האט זשאבאטינסקי אריינגעטראגן צוויי פארדרייאונגען:

1) קיין איין ווארט איז ניטא וועגן קלאסן־קאמף ניט אינם בריוו פון די רעוויזיאניסטן און ניט אינם ענטפער פון דעם ועד־הפועל פון דער הסתדרות.

2) די הסתדרות האט ניט געזאגט, אז זי קען ניט אויפגעבן איר קאמף קעגן אנדערע ארגאניזאציעס — זי האט בפירוש געזאגט דעם היפוך דערפון. זי האט קלאר דערקלערט, אז זי איז קעגן קאמף קעגן ארבעטער־ארגאניזאציעס אדער ארבעטער מחוץ דער הסתדרות, הגם זי באטראכט די

עקזיסטענץ פון איין ארבעטער־אָרגאַניזאַציע, אַז אַלגעמיינער און פאַר־איייניקטער, פאַר אַ לעבנס־נויטוועדיקייט פון דער אידישער אַרבעט און דעם אידישן אַרבעטער אין ארץ־ישראל, און זי פאָדערט פון יעדן ארבעטער, אַז ער זאָל שטיצן די אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע פונם ארבעטער־קלאַס.

זשאַבאָטינסקי קען יאָ אָדער ניט מסכים זיין מיטן ענטפער פון דער הסתדרות — ער קען אָבער ניט פאַרדרייען דעם ענטפער אין זיינע אַרטיקלען און בלייבן אַן ערלעכער שרייבער.

ח

בוררות (אַרביטראַזש)

ווען זשאַבאָטינסקי האָט „אָראָפּגענומען" דעם מאָראַלישן פלעק פון די סטרייק־ברעכער און דערקלערט, אַז זיין „נאַציאָנאַלע" ארבעטער־אָרגאַניזאַציע וועט זיך דערלויבן צו ברעכן יעדן סטרייק, וועלכער וועט אַרויסגערופן ווערן פון דער הסתדרות, — האָט ער אין דער זעלבער צייט מודיע געווען, אַז אויך די „נאַציאָנאַלע" ארבעטער וועלן אפשר דאַרפן אָנקומען צו סטרייקס אַלס שוץ־מיטל פאַר זייערע אינטערעסן — פאַרשטייט זיך, זיי וועלן עס טאָן אויף זייער אייגענער אחריות, און ניט אויפן באַפעל פון דער הסתדרות, וועלכע איז — לויט זשאַבאָטינסקי'ס „אמת" — „אַ קערפּערשאַפט, וואָס שטרעבט צו קלאַסן־הערשאַפט און ניט צו אַ אידישער מערהייט אין ארץ־ישראל."

„די רעוויזיאָניסטן אָבער האַלטן, אַז אין משך פון אַ נאַציאָנאַלן קאָלאָניזאַציאָנס־פּראָצעס טאָרן ניט זיין קיין סטרייקן און ניט קיין לאָק־אַוט'ן, אַז ביידע אָט־די פאָרמען פון קלאַסן־קאַמף זענען שעדלעך פאַר דער אידישער ווירטשאַפט, און אַז דאָס איינציקע פּאַסיקע מיטל צו באַשיצן די גערעכטע אינטערעסן פון ביידע צדדים איז נאָר דער אָבליגאַטאָרישער נאַציאָנאַלער אַרביטראַזש. דעריבער פאַרלאַנגען זיי, אַז אי דער ישוב, ד. ה. די אסיפת הנבחרים, אי דער ציוניסטישער קאָנגרעס, זאָלן זיך צוזאַמען באַטייליקן אין גרינדן אַ „מוסד עליון לבוררות לאומית" (אויבערשטע אינסטאַנץ פאַר נאַציאָנאַלן אַרביטראַזש), צוזאַמענגעזעצט פון פאָרטרעטער פון אַלע בראַנזשען פּראָדוקציע, אונטער דעם פאָרזיץ פון אומפּאַרטייאישע מענטשן; אָט־דער אינסטאַנץ זאָלן זיין אונטערוואָרפן די אַלע לאָקאַלע „לשכות־עבודה" און אָט־די אויבערשטע אינסטאַנץ זאָל אויך זיך אַריינמישן אין אַלע קאָנפליקטן צווישן אַרבעטער און אַרבעטס־געבער. עס זאָל זיין אָבליגאַטאָריש פאַר אַלע אידן, אי ארבעטער אי אַרבעטסגעבער, צו ווענדן זיך צו אָט־דער אינסטאַנץ און צו אונטערוואַרפן זיך אירע באַשלוסן". („פּויסט־הערשאַפט אין ישוב", „מאָרגען־זשורנאַל", 6טן נאָוועמבער, 1932)

„זעלבסטפאַרשטענדלעך — גיט ווייטער צו זשאַבאָטינסקי אין דעם דערמאָנטן אַרטיקל, — כל־זמן עס איז נאָך ניטאָ קיין אויבערשטע אָרגאַנען פאַר אָבליגאַטאָרישע אַרביטראַזש, איז גאַנץ מעגלעך, אַז די נאַציאָנאַלע

ארבעטער זאָלן אויך אַמאָל געצוואונגען זיין צו שיצן זייער אייגענעם שטאַנדפּונקט, און ניט לאָזן זיך דיקטירן פון אַ קערפּערשאַפט, וועלכע שטרעבט צו דער הערשאַפט פון אַ קלאַס און ניט צו אידישער מערהייט אין ארץ־ישראל".

הייסט עס, אַז זשאַבאָטינסקי'ס דערקלערונג, אַז יעדער סטרייק איז אַ „נאַציאָנאַלער חטא" און „טריפה", איז שוין ניט אַזוי אַבסאָלוט. אַ סטרייק איז אַ „נאַציאָנאַלער חטא", ווען אַ לינקער ארבעטער באַנוצט זיך מיט אים צו באַשיצן זיינע אינטערעסן, פאַרן „נאַציאָנאַלן" ארבעטער אָבער איז אַ סטרייק מותר אפילו אין „תקופה פון קאָלאָניזאַציע". (זשאַבאָטינסקי האָט בלויז פאַרגעסן צו פאַרטייטשן, צי דאָס ברעכן פון אַזאַ סטרייק איז אַ מאָראַלישער פלעק, צי ניין.)

און וועט מען פרעגן, פון וואַנען נעמט זיך אַזאַ האָטענטאָטישע מאָראַל?

וועט אויף דעם זשאַבאָטינסקי ענטפערן: דער נאַציאָנאַלער ארבעטער וועט רופן אַ סטרייק בלויז מיטן צוועק צו שאַפן אַ אידישע מערהייט אין ארץ־ישראל, אָבער דער לינקער ארבעטער באַצוועקט מיט זיין סטרייק בלויז „קלאַסן־הערשאַפט". קלאָר, פשוט — און ערלעך.

זשאַבאָטינסקי, ווייזט אויס, אָנערקענט, אַז קלאַסן־קאַמף איז דאָ ניט בלויז ביי ארבעטער אַליין, און דערפאַר פאַרדאַמט ער ביידע פאָרמען פון קלאַסן־קאַמף, סיי מצד די ארבעטער און סיי מצד די קאַפּיטאַליסטן. און ביי די לעצטע געפינט ער דעם אויסדרוק פון קלאַסן־קאַמף בלויז אין לאָקאַוט. איז ער טאַקע אַזוי נאַאיוו צו טראַכטן, אַז דער קאַמף פונם בעל־הבית קעגן דעם ארבעטער אַנטפּלעקט זיך בלויז אין אַ לאָקאַוט? קען דער בעל־הבית ניט דריקן דעם ארבעטער און באַרויבן אים זיינע רעכט — אָן אַ לאָקאַוט — דורך אראָפּזעצן דעם לוין, דורך אַנטזאָגן אים פון ארבעט, דורך ניט־סאַניטאַרישע און אומגעזונטע ארבעטס־באַדינגונגען, דורך פאַר־לענגערן די ארבעטס־שטונדן, דורך ניט צאָלן אין צייט פון קראַנקהייט, אומגליק א. אז. וו., דורך באַרויבן אים פון בירגער־רעכט, אָדער אָר־גאַניזאַציאָנס רעכט, אָדער דורך רויבן דאָס רעכט אויף ארבעט בכלל?

איז ניט דאָס צוזאַמענפאָרן פון סטרייק און לאָקאַוט, אַלס צוויי פאַראַלעלע און אויסשעפּנדיקע פאָרמען פון קלאַסן־קאַמף, ספּעציעל געמאַכט מיטן אַבזיכט צו באַרעכטיקן פאַרפאָלגונגען פון ארבעטסגעבער און קאַפּיטאַליסטן, ווען זיי דריקן זיך ניט אויס אין דער פאָרם פון לאָק־אויטן (און אי ניין־און־ניינציק פּראָצענט דריקן זיי זיך ניט אויס אין דער דאָזיקער פאָרם)?

איז דאָ ניט אַ בולט'ע כונה צו באַהאַלטן פון דער עפנטלעכקייט אַלע אָנגריפן און דעם גאַנצן קאַמף, וואָס ווערט געפירט אין ארץ־ישראל קעגן די עלעמענטאַרע רעכט פון די ארבעטער, און וועלכע באַצוועקן צו פאַרפעסטיקן און צו אויסברייטערן די קלאַסן־פּריווילעגיעס און די קלאַסן־הערשאַפט פון אַ קליין הייפל בעלי־בתים אין שטאָט און אין דאָרף? האָט זיך זשאַבאָטינסקי אַליין ניט באַטייליקט, ווען ער איז געווען אין ארץ־

ישראל, אין דעם בעלי־בית׳ישן קלאסן־קאמף — און פירט ער איצט ניט אָן אַט דעם קלאַסן־קאמף מיט זיינע אַרטיקלען און רעדעס, פול מיט גיפט און העצע קעגן דעם אידישן אַרבעטער אין ארץ־ישראל? איז דען דאָ איין ערלעכער מענטש אין ארץ־ישראל, וועלכער זאָל זאָגן, אַז די אַרבעטער זענען ווייניקער ציוניסטיש, ווייניקער נאַציאָנאַל און ווייניקער חלוציש, ווייניקער איבערגעגעבן דעם בוי פון לאַנד און דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם — ווי די בעלי־בתים? און ווען זשאַבאָטינסקי „פאַרדאַמט" די ניט־ציוניסטישקייט פון די אַרבעטער פון ארץ־ישראל — רעדט ער ניט פון אים אַרויס קלאַסן־האַס? ווייניקער ווי אימיצער אַנדערש אין ישוב און אין ציוניזם, האָט זשאַבאָטינסקי רעכט צו רעדן וועגן „נאַציאָנאַלער פשרה" און מאַכן דעם אָנשטעל, אַז ער שטייט איבערן קריג פון קלאַסן. אין דער געשיכטע פון ישוב האָבן די אַרבעטער זיך באַגעגנט מיט פיל געגנער — אָבער קיין איינער האָט אַזוי ניט געריצט די נידעריקסטע און געפער־לעכסטע קלאַסן־אינסטינקטן, קיין איינער האָט אַזוי ניט חוזק געמאַכט פון אמת, ווי דאָס טוט דער נביא פונם „געלייטערטן ציוניזם".

א באַלערנדער ביישפיל פון דער געזעלשאַפטלעכער און שרייבערישער ערלעכקייט פונם רעוויזיאָניסטישן פירער ווערט געגעבן אין זיין פאָרשלאָג און פּראָפּאַגאַנדע פון א העכסטן אַנשטאַלט אונטער דער יוריסדיקציע פון ציוניסטישן קאָנגרעס און ועד לאומי. דער רעוויזיאָניסטישער וואָרט־זאָגער פּאָכט מיט דעם פאָרשלאָג, ווי מיט א כשוף־שטעקעלע, וועלכער קען אויסהיילן דעם ישוב פון אַלע זיינע אינעווייניקסטע ווייטיקן — און דער אויסלייזנדיקער געדאַנק ווערט אויסגעשטעלט אין אַלע גלות־לענדער, ווי א קאָנטראַסט צו דער „פויסט־הערשאַפט" און דער „צעשטערונג פון די יסודות פונם ישוב", וואָס זענען אַנטהאַלטן אין דער סיסטעם פון דער הסתדרות. און די אידן אין חוץ־לארץ, וועלכע זעען פון ווייטן די אותות ומופתים פון דעם וואונדער־מאַכער, און וועלכע הערן די דונערן און שטורעמס, וואָס פאַלן אויף די קעפּ פון דער פאַרעטערישער הסתדרות — טראַכט ביי זיך אין האַרצן, אַז דאָס גאַנצע „רעכטע" און „נאַציאָנאַלע" ארץ־ישראל, מיט אירע אַרבעטסגעבער און קאַפּיטאַליסטן, פרדסנים און אינדוסטריאַליסטן בעטן און טוען תפילה פאַר דער נאַציאָנאַלער הערשאַפט, וואָס וועט איינגעפירט ווערן אין דער אידישער ווירטשאַפט פון דעם ציוניסטישן קאָנגרעס און ועד־לאומי, און וועלכע וועט פאַרמאָגן פול־שטענדיקן אויטאָריטעט איבערן אַרבעטסגעבער און אַרבעטער, „ווייל — אין ארץ־ישראל — זענען די אַרבעטער ניט קיין אַרבעטער, און קאַפּיטאַליסטן קיין קאַפּיטאַליסטן ניט, נאָר בלויז סאָלדאַטן", און דער „העכסטער נאַציאָנאַלער אַרביטראַזש־אַנשטאַלט" וועט פסקנ׳ען אַלע שאלות וועגן אַרבעטס־לוין און אַרבעטס־באַדינגונגען, וועגן אָננעמען און אָפּזאָגן אַרבעטער, קאָמפּענסאַציע און אַרבעטס־שטונדן, פאַרזיכערונג אין פאַל פון קראַנקהייט אָדער אומגליק, פּראָדוקציאָנס־נאָרמע און רו־צייט — און זיין פּסק־דין וועט פאַרפליכטן יעדן אַרבעטסגעבער און אַרבעטער — און בלויז די „לינקע" און „קלאַסן"־הסתדרות פאַרהאַלטן די גאולה.

אָבער ווער נאָך, ווי זשאַבאָטינסקי, ווייסט, אַז ווען די הסתדרות זאָל אַפילו מיט ביידע הענט אָננעמען זיין אויסלייזענדן פאָרשלאַג, און ווען אַלע לינקע וואָלטן מסכים געווען צו דעם העכסטן אַנשטאַלט אונטער דער יוריסדיקציע פון קאָנגרעס און ועד־לאומי, וואָלט אַזאַ אַנשטאַלט ניט געבויט געוואָרן, און וואָלט ער יאָ געבויט געוואָרן, וואָלט ער ניט געקענט טאָן, וואָס זשאַבטינסקי פאַרלאַנגט פון אים, צוליב אַ פשוט׳ן און וואָגיקן טעם, וועגן וועלכן זשאַבאָטינסקי און זיינע חברים אין אָרץ־ישראל ווייסן גוט: ווייל אין לאַנד זענען דאָ צוויי פאַראינטערעסירטע קרייזן, וועלכע האָבן ניט איין מאָל דערקלערט, אַז זיי וועלן ניט אַנערקענען דעם אויטאָריטעט פון קאָנגרעס און זיי נעמען ניט אויף זיך דעם יאָך פון כנסת־ישראל, און אַז די באַשלוסן פון די נאַציאָנאַלע אַנשטאַלטן זענען פאַר זיי ניט בינדענד, און אַז זיי וועלן האַנדלען ווי זיי פאַרשטייען. און אָט־די צוויי קרייזן מאַכן צו־נישט יעדן פאַרזוך צו איינפירן נאַציאָנאַלע דיסציפלין אינם אידישן ישוב פון ארץ־ישראל.

און פונקט ווי מיר, ווייסט זשאַבאָטינסקי ווער די צוויי קרייזן זענען.

דער ערשטער קרייז באַשטייט פון די אַרבעטסגעבער, וואָס באַשעפטיקן ניט־אידישע אַרבעט, מיט דער „התאחדות האכרים“ אָן דער שפיץ. אָט־דער קרייז לאַכט זיך אויס ביז היינטיקן טאָג פון דער הויפּט־נאַציאָנאַלער מצוה, וואָס באַשטימט דעם גורל פונם ישוב און ציוניזם — די מצוה פון אידישער אַרבעט — און אַלע קלאָרע רעזאָלוציעס פון די קאָנגרעסן און דער אספת־הנבחרים וועגן דעם ענין זענען ווי אַ קול אין מדבר. און דער מוטיקער קעמפער, וועלכער ווייס ניט פון קלאַסן נשיאת־פנים, דער נביא פון „געלייטערטן ציוניזם“, וועלכער גיסט אומאויפהערלעך דעם צאָרן פון זיין תוכחה אויף די ארץ־ישראל אַרבעטער, וועלכע פאַרלייקענען דעם „נאַציאָנאַלן“ געדאַנק אין דעם אויפבוי פון לאַנד — האָט נאָך קיין איין מאָל ניט אויפגעהויבן זיין שטימע קעגן די עלעמענטן פון ישוב, וועלכע באָיקאָטירן דעם אידישן אַרבעטער אין זייער ווירטשאַפט, און וועלכע מאַכן צונישט די האָפענונג פונם פאָלק. און זשאַבאָטינסקי׳ס חברים אין ארץ־ישראל האַלטן זיך ניט אָפּ פון צו באַטייליקן זיך אין דער קלאַסן־אָרגאַניזאַציע פון די קאָלאָניסטן, הגם זי קעמפט טעאָרעטיש און פּראַקטיש קעגן דער פאָדערונג פון דורכאויס אידישער אַרבעט אין דער אידישער לאַנדווירטשאַפט. און עס איז זיי גאָרניט איינגעפאַלן, און אויך ניט זייער פירער, דער געדאַנק צו אויפבויען אַ נאַציאָנאַלע קאָלאָניסטן־אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל אָפּהיטן די מצוה פון אידישער אַרבעט.

מעגלעך, אַז די פליכט פון אידישער אַרבעט פאַרמאָגט ניט די נאַציאָנאַלע חשיבות, וואָס עס פאַרמאָגט די „נייטראַלע לשכה“ אין דער געדאַנקען־קאָנצעפּציע פון דעם „געלייטערטן ציוניזם“, און זי פאַרדינט ניט, אַז דער רעוויזיאָניסטישער פירער זאָל אויף איר פאַרלירן זיין קאָסטבאַרע צייט — עס בלייבט אָבער דער פאַקט, אַז די אַרבעטסגעבער אין ארץ־ישראל אַנטזאָגן זיך צו אָנערקענען די נאַציאָנאַלע אויטאָריטעט אין, — זאָל זיין אַ מינדערווערטיקער זאַך, — אידישע אַרבעט. און

דערלאָזט זשאַבאָטינסקי אין זיין געדאַנק, אַז אַט־די אַרבעטסגעבער וועלן זיך אונטערגעבן דעם יאָך פון „העכסטן נאַציאָנאַלן אַרביטראַזש אַנ־שטאַלט" און זיי וועלן זיך אָפּזאָגן פון זייער פּריווילעגיע צו אָנפירן זייער ווירטשאַפט אָן וועלכער עס איז פרעמדער אַריינמישונג? האָט דען זשאַ־באָטינסקי אַליין ניט דערוויזן אין זיין אַרטיקל, וועגן „בּרעכן" די הסתדרות („היינט", 222, 14טן נאָוועמבער, 1932), אַז דער פּריוואַטער קאַפּיטאַל האָט זיך זיינע אָרגאַנישע אייגנשאַפטן, פון וועלכע מען קען זיך ניט באַפרייען, אַפילו אויב זיי זענען שלעכט. און איינע פון די דאָזיקע אייגנשאַפטן איז — צו זיין בעל־הבית ביי זיך אַליין? וואָרום דאָס אָנשטעלן פון אַ נאַאיוון פּנים, אַז די קאַפּיטאַליסטן אין ארץ־ישראל האָבן כלומר'שט גענומען אויף זיך צו אונטערוואַרפן זיך דער נאַציאָנאַלער דיס־ציפּלין, און עס פעלט בלויז איין זאַך, אַז די אַרבעטער זאָלן טאָן דאָס זעלבע?

דער צווייטער קרייז אין ארץ־ישראל, וועלכער וועט ניט אָננעמען זשאַבאָטינסקי'ס פאָרשלאַג פון „נאַציאָנאַלער הערשאַפט" אין נאָמען פון ציוניסטישן קאָנגרעס און ועד־לאומי — איז זאַשבאָטינסקי אַליין און זיין פּאַרטיי.

דאַרף מען עס דערווייזן זשאַבאָטינסקי'ן? ווער נאָך ווי זשאַבאָ־טינסקי גראָבט אונטער דעם אויטאָריטעט פון ציוניסטישן קאָנגרעס מיט די אַלע מיטלען, מיט וועלכע ער באַנוצט זיך, ווען ער דאַרף „בּרעכן" אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס איז אים ניט צום האַרצן? ווער נאָך, ווי זשאַ־באָטינסקי, אַרבעט אַזוי פיל כדי צו צעשטערן און צעברעכן יעדע נאַציאָ־נאַלע דיסציפּלין אין ישוב און מאַכן צו־נישט דעם אויטאָריטעט פון דער כנסת־ישראל און אירע אַנשטאַלטן? און ווער נאָך, ווי זשאַבאָטינסקי'ס תלמידים אין ארץ־ישראל, האָבן איבערגענומען די גאַנצע תורה פון זייער רבי'ן צו ביליק מאַכן די אויטאָריטעט פון ציוניסטישן קאָנגרעס און ועד־לאומי?

איז נויטיק צו דערמאָנען פאַקטן?

אין די שרעקלעכסטע טעג פונם ישוב, ווען אַ שאַרפע שווערד איז איבער אונז געהאַנגען, ווען נאַציאָנאַלע דיסציפּלין איז געווען ניט בלויז קיין פאָרמעלע פליכט, נאָר אַ לעבנס־פראַגע — זענען דען דעמאָלט זשאַ־באָטינסקי'ס תלמידים ניט געגאַנגען קעגן דער פאַראָרדענונג פון די נאַ־ציאָנאַלע אינסטיטוציעס — די ציוניסטישע עקזעקוטיווע און ועד־לאומי — און קעגן דעם ווילן פון גאַנצן ישוב? האָבן דען ניט די מיטגלידער פון דער „נאַציאָנאַלער" יוגנט און בית"ר איינגעאָרדנט, מיט דער דערלויבעניש פון לוק און אונטער דער שוץ פון פּאָליציי, די אומגליקלעכע דעמאָנ־סטראַציע לעבן כותל־מערבי, אין דעם ביטערן תשעה־באב, פאַר די 1929 :עשעענישן?

האָט דען ניט געשריבן דער ארץ־ישראל'דיקער אָרגאַן פון די רעוויזיאָ־ניסטן צען טעג פאַר די געשעענישן: „אין צייט פון אומגליק פאַרן פאָטערלאַנד, וועלן מיר זיך ניט צוהערן צו די נאַרישע רייד פון די, וואָס ווילן אין נאָמען פון „נאַציאָנאַלער דיסציפּלין" פאַרשטאָפּן די מיילער און

בינדן די הענט פון מענטשן, וואס ווילן האנדלען." („דואר היום", 5טן אויגוסט, 1929).

האט דען ניט געשריבן זשאבאטינסקי'ס אדיוטאנט און דער באַשאפער פון דער רעוויזיאניסטישער פארטיי אין ארץ־ישראל, וואָלפגאנג־פאָן־ווייזעל, ערשט ניט לאנג צוריק: „מיר, רעוויזיאניסטן, אנערקענען ניט דעם ועד־לאומי. פאר אונז איז ער ניט קיין פארטרעטער פונם ישוב. מיר וואַרפן זיך אים ניט אונטער." („העם", 9טן אפריל, 1931).

האט זשאבאטינסקי'ס פארטיי ניט פארלאזן די אספת־הנבחרים אין דעם זעלבן טאג, וואס היטלער'ס פארטיי האט פארלאזן דעם דייטשן רייכסטאג? און האט זשאבאטינסקי אליין ניט פארעפנטלעכט קיין ארטיקל אונטערן קעפל „גט" („חזית העם", 18טן נאוועמבער, 1931), אין וועלכן ער זאגט: „אפשר וועט אין גיכן קומען א צייט, אז מיר וועלן דארפן ארויס פון כנסת־ישראל און ווענדן זיך צום ישוב מיט א רוף, — אז וואס מער מענטשן זאלן גיין אין אונזערע טריט, כדי די אספת־הנבחרים און דער „ועד לאומי" זאלן פארלירן די מעגלעכקייט צו פאזירן אלס פארטרעטער פונם גאנצן ישוב אדער כמעט דעם גאנצן ישוב."

און עס פרעגט זיך א פראגע: וועמעס אויגן וויל איצט זשאבאטינסקי פארבלענדן מיט זיינע פארשלאגן וועגן אויטאריטעט פון ציוניסטישן קאָנגרעס און אספת־הנבחרים?

וואס איז דען, נאך דעם אלעמען, דער פארשלאג וועגן א העכערן אנשטאלט אין נאמען פון קאנגרעס און כנסת־ישראל, אויב ניט קיין פאלשע קונץ־שטיק פון א ביליקן דעמאגאג, וועלכער ספעקולירט אויף דער אומ־וויסנהייט פון זיינע לייענער. אין דעם זעלבן ערלעכן ארטיקל וועגן „פויסט־הערשאפט" דעקלאמירט זשאבאטינסקי אין זיין פאטריאטישן נוסח: „די ארבעטער אין ארץ־ישראל זענען ניט קיין ארבעטער, און די קאפיטאליסטן ניט קיין קאפיטאליסטן — בלויז סאלדאטן זענען זיי."

וועמעס סאלדאטן, הער זשאבאטינסקי? ווער איז עס דער נאציאָנאלער שטאב, פון וועלכן די בית"ר ארבעטער און די פתח־תקוה'ער קאלאניסטן באקומען זייערע באפעלן?

איז זשאבאטינסקי גרייט צו דערקלערן אין נאמען פון די קאלאניסטן און פאבריקאנטן, וועמעס שטאלצער פאנען־טרעגער ער איז, אז פון איצט אן און ווייטער וועלן זיי אויספילן די רעזאלוציעס פונם ציוניסטישן קאנגרעס בנוגע אידישער ארבעט? איז ער כאטש גרייט צו דערקלערן, אז פון איצט אן און ווייטער וועלן די בית"ר לייט פאלגן די פאראָרדענונגען פונם ועד־לאומי און דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע? — אויב אבער ניט, טא וואס איז די פעולה פון דעם „העכסטן נאציאנאלן ארביטראזש־אנשטאלט"?

* * *

די שטעלונג פון דער הסתדרות אין די פראגן פון ארבעטס־באציאונגען, און צווישן זיי אין דער פראגע פון ארביטראזש, איז ניט איינמאל דער־קלערט געווארן אין דער ארבעטער־פרעסע און אויך פון דער פלאטפארם

פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אָדער כנסת־ישראל; זי איז אויך פּראַקטיש דעמאָנסטרירט געוואָרן אין פאַרהאַנדלונגען מיט אַרבעטסגעבער אין דאָרף און אין שטאָט.

אינם דין־וחשבון פון דעם ועד־הפועל צו דער דריטער קאָנפערענץ פון דער הסתדרות, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט אויך רעוויזיאָ־ניסטישע דעלעגאַטן, ווערט געזאָגט: „... אַ גאַנצע רייע פון אַרבעט־סכסוכים זענען געשליכטעט געוואָרן דורך בוררים, וועלכע זענען באַ־שטימט געוואָרן אין יעדן פאַל פון די אַרבעטער און אַרבעטסגעבער. די בוררות האָט געהאָלפן אין פילע פאַלן צו פאַרקירצן די סטרייקס און פילע מאָל זענען סטרייקס אינגאַנצן אויסגעמיטן געוואָרן צוליב בוררות. די אַרבעטער זענען פאַראינטערעסירט צו פאַרקלענערן ווי ווייט מעגלעך די צאָל שטערונגען און אָפּהאַלטונגען אין דער אַרבעט. דעם עיקר'דיקן מיטל צו פאַרזיכערן די גערעכטע פאָדערונגען און אינטערעסן זעט דער אַרבעטער אין זיין פעסטער אָרגאַניזירטקייט, וועלכע מוז אַרויסרופן דרך־ארץ מצד דעם אַרבעטסגעבער. און בלויז אין פאַל פון איגנאָרירן זיינע לעבנס־אינטערעסן מצד דעם אַרבעטסגעבער, אָדער אין פאַל פון אָנטזאָגן זיך צו אָנערקענען די הסתדרות און פאַרהאַנדלען מיט איר מצד דעם אַרבעטס־געבער — איז דער אַרבעטער געצוואונגען צו באַנוצן זיך מיט זיין לעצטן וואָפן — דעם סטרייק. די הסתדרות אָנטשליסט זיך צו רופן אַ סטרייק בלויז דאַן, ווען זי איז איבערצייגט, אַז זי האָט פאַר זיך קיין אַנדער וועג ניט. און די הסתדרות האָט גערן געשטיצט יעדן טריט מצד די נאַציאָ־נאַלע אינסטיטוציעס, ציוניסטישע, און מצד דער רעגירונג, צו גרינגער מאַכן פאַר ביידע צדדים צו קומען צו אַ הסכם אָן איבעררייס פון דער אַרבעט, אויף דעם תנאי, אַז דאָס רעכט אויף סטרייקן מצד די אַרבעטער זאָל ניט געמינערט ווערן, אין פאַל, ווען זיי וועלן קיין אַנדער ברירה ניט האָבן צו פאַרטיידיקן זייערע אינטערעסן און זייערע רעכט.” (דין־וחשבון פון דער הסתדרות, תרפ"ג־תרפ"ז, קאַפּיטל 8: בוררות און אַרבעטס־געזעצגעבונג, זייט 147).

די קאָנפערענץ האָט פאַרהאַנדלט די פראַגע פון אַרבעטס־באַציאונגען און האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וואָס לויטעט: „אַרויסגייענדיק פון דער פונדאַמענטאַלער אָנערקענונג, אַז די עליה, קאָלאָניזאַציע און אידישע אַרבעט פאָדערן די אַנטוויקלונג פון די עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן פון לאַנד און דאָס אויפבויאונג פון אַ פּראָדוקטיווער ווירטשאַפט, וואָס טראָגט זיך אַליין, זעט די דריטע קאָנפערענץ פון די ארץ־ישראל אַרבעטער אַ לעבנס־נויטווענדיקייט אין דער איינשטעלונג פון געאָרדנטע באַציאונגען צווישן די אַרבעטער און אַרבעטסגעבער, אויפן גרונט פון קאָלעקטיוון אָפּמאַך, וואָס זאָל גע'חתמ'עט ווערן פון דער הסתדרות און די אַרבעטסגעבער און זייערע אָרגאַניזאַציעס.” אין הסכם מיט דער רעזאָלוציע האָט דער ועד־הפועל אויסגעאַרבעט אַ קאָלעקטיוון קאָנטראַקט.

אין מערץ פון 1928 האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרהאַנדלונגען מיט דעם פאַרבאַנד פון די נאַציאָנאַלע קאָלאָניסטן וועגן מאַכן אַ קאָלעקטיוון קאָנט־

ראַקט. די פאַרהאַנדלונגען האָבן זיך געצויגן אַ לאַנגע צייט און האָבן זיך פאַרענדיקט אין זומער פון 1930 מיטן חתמ'ענען קאָלעקטיווע אָפּמאַכן מיט די קאָלאָניעס מגדיאל און רעננה. לויט דעם אָפּמאַך זענען אין די קאָלאָניעס געשאַפן געוואָרן בשותפות'ע לשכות, וועלכע ווערן אָנגעפירט דורך פאַרטרעטער פון די לאָקאַלע אַרבעטסגעבער און אַרבעטער. חוץ דער לאָקאַלער לשכה האָט געדאַרפט לויטן אָפּמאַך געגרינדעט ווערן אַ צענטראַלע לשכה, באַשטייענד פון פיר קאָלאָניסטן־פאַרטרעטער, פיר אַרבעטער־פאַרטרעטער, צוויי פאַרטרעטער פון ועד־לאומי און דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, און עלפטן האָט מען געדאַרפט אויסקלייבן מיט דער הסכמה פון ביידע צדדים. דער אָפּמאַך שטעלט פעסט די אַרבעטס־באַדינגונגען, דעם אַרבעטס־לוין, אַרבעטס־שעה'ן, די אָרדענונג פון אָננעמען און אָפּזאָגן אַרבעטער און דאָס שליכטן פון סכסוכים דורך בוררות. דער 5טער פאַראַגראַף פון דעם אָפּמאַך לויטעט: „יעדער סכסוך וועגן זאַכן, וואָס זענען ניט קלאָר געמאַכט געוואָרן אָדער ניט איינגעשטימט געוואָרן אין די פריערדיקע פאַראַגראַפן, דאַרף געבראַכט ווערן פאַר אַ בוררות פון דער לאָקאַלע לשכה, און קיין איין צד טאָר ניט נעמען אויף זיך דאָס אָפּשטעלן אָדער איבעררייסן די אַרבעט. די בוררות און איר פסק־דין זענען בינדענד אויף ביידע צדדים. אַפּעלאַציעס אויפן פסק־דין פון דער אָרטיקער לשכה, ווי אויך מיינונגס־פאַרשיידנהייטן וועגן וועלכע עס איז פאַראַגראַפן פונם אָפּמאַך, דאַרפן געבראַכט ווערן פאַר דער צענטראַלער לשכה, וועלכע איז די העכסטע אינסטאַנץ פאַר אַפּעלאַציעס."

דער אָפּמאַך עקזיסטירט אין די צוויי קאָלאָניעס ביז היינטיקן טאָג.

אין נאָוועמבער, 1929, איז גע'חתמ'עט געוואָרן אַ קאָלעקטיווער קאָנטראַקט מיט דער פאַרוואַלטונג פון דער „חברת מטעי ארץ־ישראל" אין תל־מונד. אין נאָוועמבער, 1930, איז דער קאָנטראַקט באַנייט געוואָרן, נאָכדעם ווי עס זענען אין אים אריינגעטראָגן געוואָרן אייניקע שינויים און אויסבעסערונגען. אין מאַי, 1930, איז גע'חתמ'עט געוואָרן אַן אָפּמאַך מיט דער פאַרוואַלטונג פון „גן־חיים". אין מאַי, 1929, האָט דער ועד־הפועל פון דער הסתדרות צוגעשטעלט אַ פאָרשלאַג וועגן אַ קאָלעקטיוון קאָנטראַקט צו דעם פאַרבאַנד פון אינדוסטריאַליסטן. לויט דעם פאָרשלאַג האָט מען געדאַרפט גרינדען אין תל־אביב, חיפה און ירושלים בשותפות'ע לשכות עבודה פאַר פאַבריק־אַרבעטער, וועלכע זאָלן אָנגעפירט ווערן פון זיבן מיטגלידער: דריי פאָרשטייער פון דער הסתדרות, דריי פאָרשטייער פון די אינדוסטריאַליסטן, און דער זיבעטער — דער פאָרזיצער — זאָל דערוויילט ווערן פון ביידע צדדים. אויב מען וועט ניט קענען איינשטימען אויפן זיבעטן, זאָל ער באַשטימט ווערן פון ועד־לאומי.

דער פאָרשלאַג רעקאָמענדירט אַ קאָמיסיע פאַר אַ פאַך־עקזאַמען פון די אַרבעטער, אַ געאָרדנטע רעגיסטראַציע פון אַרבעט־זוכער און זייער איינ־אָרדענונג אין אַרבעט, אַרבעטס־באַדינגונגען, כללים פאַר אויפנעמען און אָפּזאָגן אַרבעטער, אַרבעטס־שטונדן, און אז. וו., — אויך די גרינדונג פון אַ קאָמיסיע, וואָס זאָל זיך אָפּגעבן מיט פאַרמיטלען אָדער שליכטן

סכסוכים צווישן ארבעטער און ארבעטסגעבער. קיינער פון די צדדים טאָר ניט דערקלערן קיין סטרייק אָדער לאָקאוט, ניט איבערגעבנדיק פריער די פראַגע צו דער קאָמיסיע. אין פאַל פון מיינונגס־פאַרשיידנהייטן בנוגע א פונקט אין קאָנטראַקט, איז דער באַשלוס פון דער קאָמיסיע בינדענד פאַר ביידע צדדים.

אין יוני, 1929, האָבן זיך באַגעגנט די פאָרשטייער פון דער הסתדרות מיט די פאָרשטייער פון דעם פאַרבאַנד פון אינדוסטריאַליסטן, צוזאַמען מיט פאָרשטייער־ פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע (סאַקער, אריאב, תשבי און ראַבינאָוויץ), צו באַטראַכטן דעם אָפּמאַך. פיר זיצונגען זענען אָפּ־געהאַלטן געוואָרן און א הסכם איז דערגרייכט געוואָרן אין א גאַנצער רייע ענינים: בשותפות'ע לשכות־עבודה, רעגיסטראַציע פון ארבעט־זוכער און ארבעטס־צעטיילונג, ארבעטס־באַדינגונגען, אָנערקענונג פון די אר־בעטער ראַטן, כללים פאַר אָפּזאָגן פון ארבעט, ארבעטס־שעה'ן, פאַר־מיטלונג־קאָמיסיעס און בוררות. די פאַרהאַנדלונגען זענען איבערגעריסן געוואָרן צוליב די נסיעות צום ציוניסטישן קאָנגרעס, און נאָכדעם די אָב־געשעענישן. פון יענער צייט אָן האָט דער ועד־הפועל פון דער הסתדרות זיך עטלעכע מאָל געווענדעט צום פאַרבאַנד פון די אינדוסטריאַליסטן וועגן פאָרענדיקן די פאַרהאַנדלונגען — קיין ענטפער אָבער האָט ער ניט באַקומען. דאָס מיינט ניט, אַז די באַציאונגען מיט די אינדוסטריאַליסטן זענען ניט אין אָרדענונג. מיט די גרעסטע פאַבריקן אין לאַנד האָט די הסתדרות ארבעטס־אָפּמאַכן, געשריבענע און אויפן וואָרט; און די מערסטע סכסוכים, וואָס טרעפן פון צייט צו צייט, ווערן געשליכטעט דורך דירעקטע פאַר־האַנדלונגען צווישן די פאַרטרעטער פון די ארבעטער מיט די פאַרוואַלטונגען פון די פאַבריקן. אמאָל דאַרף זיך אריינמישן דער ועד־הפועל פון דער הסתדרות. אויב די דירעקטע פאַרהאַנדלונגען שליכטן ניט דעם סכסוך, גיט מען אים איבער צו א בוררות, און זעלטן קומט עס צו א סטרייק, — בלויז דאַן, ווען קיין אַנדער וועג צו באַשיצן די לעבנס־אינטערעסן פון די ארבעטער איז ניטאָ. די מערסטע סטרייקס ברעכן אויס אין פאַלן, ווען דער ארבעטסגעבער דריקט אראָפּ דעם ארעבטס־לוין, ווען צאָלונגען ווערן פאַרהאַלטן, ווען מען זאָגט אָפּ אַן ארבעטער פון זיין ארבעטס־פּלאַץ אָן גענייגענדן גרונד, און אז. וו.

לויט דער סטאַטיסטיק פון דער הסתדרות, איז אויסגעפאַלן אויף יעדן חבר פון דער הסתדרות א יערלעכער פאַרלוסט פון זעקס־צענטל פון א טאָג צוליב סטרייקס אין משך פון די לעצטע עלף יאָר. אין פראַנקרייך פאַרלירט אַן ארבעטער דורך סטרייק צוויי־מיט־א־האַלבן טעג אין יאָר; אין פוילן — דריי מיט א האַלבן; אין אמעריקע — פיר מיט זעקס־צענטל; אין ענגלאַנד — זעקס מיט זיבן־צענטל.

אין משך פון יאָר 1931 זענען אין ארץ־ישראל געווען 65 סטרייקס מיט 7375 סטרייק־טעג און 680 סטרייקער; דריי לאָקאוטן, 5010 לאָקאוט־טעג און 116 ארבעטער אויסגעשלאָסענע פון ארבעט. וואָס זענען געווען די סבות פון די סטרייקס?

12 סטרייקס צוליב ניט צאָלן קיין שכירות;
13 סטרייקס צוליב ווילקירלעכן אָפּזאָגן פון ארבעטער אָן קאמ־פענסאציע;
12 סטרייקס צוליב ניט אָנערקענען די ארבעטער־אָרגאניזאציע און באַנוצן זיך מיט סטרייק־ברעכער;
6 סטרייקס צוליב אַראָפּדריקן ארבעטס־לוין;
2 סטרייקס צוליב דער פאָדערונג פון אַן 8־שעה'דיקן ארבעטס־טאָג;
2 סטרייקס צוליב ברעכן אַ קאָנטראַקט מצד דעם ארבעטסגעבער;
2 סטרייקס צוליב באַליידיקן ארבעטער;
1 סטרייק צוליב פאָדערונג פון העכערן לוין;
3 סטרייקס — פארשיידענע.

כמעט 80 פּראָצענט פון אַלע סטרייקס זענען פארטיידיקונגס סטרייקס, ווען קיין אַנדער וועג איז פאר דעם ארבעטער ניט פארבליבן.

דער אידישער אַרבעטער דאַרף ביי זיינע פארלוימדער ניט לערנען די תורה פון חלוציזם און לאַנד־אויפבוי. דער ארבעטער גלויבט ניט, אַז בנין־הארץ מיינט אַן אָרדענונג פון „קנעכטשאַפט, שמוץ און בלוט", וועגן וועלכע עס זאָגט נביאות דער רעוויזיאָניסטישער פירער. עס ווייסט דער ארבעטער, אַז דאָס לאַנד דאַרף איצט געבויט ווערן, ד. ה. אין דער קאפּיטאַליסטישער אָרדענונג. ער ווייסט אָבער, אַז אויך אין דער קאפּי־טאַליסטישער אָרדענונג זענען דאָ פארשיידענע מדרגות. עס איז דאָ די מדרגה פון כינע און אינדיע — און עס איז דאָ די מדרגה פונם אָרגאניזירטן ארבעטער אין ציוויליזירטע לענדער. ער גלויבט, אַז די אויפגאַבע פון דער ווירטשאַפט איז ניט בלויז צו רייך מאַכן דעם בעל־הבית, נאָר אויך צו מפרנס זיין דעם ארבעטער אויף אַ געהעריקן אופן, אין די גרעניצן פון די מעגלעכקייטן פון דער ווירטשאַפט. און אויב דער בעל־הבית מיס־ברויכט מיט זיין לאַגע, און דריקט אַראָפּ דעם ארבעטס־לוין, באַליידיקט דעם ארבעטער, אַנטזאָגט אים אין רעכט אויף אָרגאַניזירן זיך, וואַרפט זיך ניט אונטער קיין בוררות און אַנטזאָגט זיך צו פארהאַנדלען אויף אַ פרידלעכן וועג — וועט דער ארבעטער זיך ניט צוריקהאַלטן פון צו באַנוצן זיך מיטן לעצטן וואָפן — מיטן סטרייק. דאָס וועט ער אָבער טאָן בלויז אין דעם פאַל, ווען קיין אַנדער ברירה בלייבט אים ניט.

אָט־די שטעלונג, וואָס איז אויסגעדריקט אין דער פּראַקטיק פון דער הסתדרות, איז אויך ניט איינמאָל אויסגעדריקט געוואָרן אויף עפנטלעכע פּלאַטפאָרמעס און אין דער פּרעסע.

אין דער זיצונג פון אספּת־הנבחרים, חודש אדר, תרצ"ב, האָט דער שרייבער געהאַלטן אַ פאָרטראַג וועגן דער ארבעטס־פּראַגע און ארבעטס־באַציאונגען, און אין נאָמען פון דער ארץ־ישראל ארבעטער־באַוועגונג האָט ער דערקלערט: „דער אידישער ארבעטער איז ווייניקער פון אַלעמען פאראינטערעסירט אין ארבעט־סכסוכים, מיט דעם גאַנצן מאַטעריעלן און פּאָליטישן שאָדן, וואָס איז מיט זיי פארבונדן. די העכסטע אויפגאַבע פון אונזער דור וועט דער ארבעטער אין צוויי זאַכן: — בויען און עליה, בויען

דאָס לאַנד און פאָלקס־עליה. און אַלץ, וואָס שטערט דער אויפגאַבע און מאַכט זי שווער, איז פּסול און שעדלעך. בויען און עליה קענען אָבער ניט פאָרקומען אָן אַרבעט, און כּל זמן אידישע אַרבעט וועט ניט אָנערקענט ווערן אַלס גרונדשטיין פון אונזער קאָלאָניזאַציע אין לאַנד; כּל זמן פּולע אידישע אַרבעט וועט ניט פאַרזיכערט ווערן אין דער אידישער ווירטשאַפט — וועט דער אַרבעטער זיין וואָפן ניט אויפגעבן.״

מיר ווילן פאַרזיכערן אידישע אַרבעט דורך פרידלעכע וועגן, דורך קעגנזייטיקער פאַרשטענדעניש, אָבער אויב מיר וועלן קיין אַנדער אויסוועג ניט האָבן — וועלן מיר קעמפן, און „פּיקעטן״ וועט ניט זיין אונזער לעצטער מיטל אין קאַמף.

זאָרגענדיק פאַר דער געזונטער אַנטוויקלונג פון דער ווירטשאַפט אין ארץ־ישראל, וויל דער אַרבעטער איינשטעלן געאָרדנטע נאָרמאַלע באַציאונגען מיט די אַרבעטסגעבער. ער ווייסט אויך מיט וואָס פאַר אַ שאָדן פאַרן ישוב, און מיט וואָס פאַר אַ סכנות אינערלעכע און אויסערלעכע, עס זענען פאַרבונדן די אַרבעטס־קאַמפן.

מיר זאָרגן ניט נאָר פאַר אַן אַרבעטער־ווירטשאַפט, נאָר אויך פאַר אַ פּריוואַטער ווירטשאַפט, וואָס דינט אַלס אויפנאַם־פּלאַץ פאַר אידישער אַרבעט.

מיר לעבן איצט אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, און אין דער אָרדענונג דאַרפן מיר בויען דאָס לאַנד. און מיר זעען דעם וועג און די נויטווענדיקייט — ניט קוקנדיק אויף די קעגן־אינטערעסן פון די אַרבעטער און אַרבעטסגעבער — צו פאַרזיכערן די אינטערעסן פון דער ווירטשאַפט, פון איין זייט, און די אינטערעסן פון דער אַרבעט, פון דער צווייטער זייט, דורך פאַרהאַנדלונגען און דורך אַ הסכם פון ביידע צדדים, אויף פאָלגענדע יסודות:

1) פאַרזיכערונג פון אידישער אַרבעט אין דער אידישער ווירטשאַפט, ניט אַלס חסד, נאָר ווי אַ חוב, וואָס שטייט אויסער יעדן צווייפל.

2) דאָס איינפירונג פון אָנשטענדיקע אַרבעטס־באַדינגונגען אין גרעניץ פון דער ווירטשאַפטלעכער מעגלעכקייט פון דער לאַנדווירטשאַפט, און די פאַרזיכערונג פון גוטער אַרבעט און פּראָדוקציע לויט אַ באַשטימטער נאָרמע.

— מיר זוכן פאַרשטענדעניש — אָבער אויב די ענינים פון דער אַרבעט און דאָס רעכט פון דעם אַרבעטער וועלן ניט איינגעאָרדנט ווערן לויט אַ פאַרשטענדעניש, וועלן מיר זיין געצוואונגען צו קעמפן.

דער קאַמף פון די אַרבעטער אין ארץ־ישראל איז ניט געווען און וועט ניט זיין קיין קאַמף פאַר בלויז קלאַסן־אינטערעסן. דער קלאַסן־קאַמף אין ארץ־ישראל איז אין זיין יסוד און מהות אַ קאַמף צווישן די שליחים פון ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג און אירע געגנער און שונאים. דעם כּח, וואָס דער אידישער אַרבעטער אין ארץ־ישראל האָט אַרויסגעוויזן אין זיין שווערן קאַמף אין משך פון צענדליקע יאָרן, ניט קוקנדיק אויף

שווועריקייטן און שטערונגען, מיט וועלכע קיין ארבעטער אין דער וועלט האט זיך ניט באגעגנט — אט־דעם כח האט ער געשעפט ניט נאר פון זיין קלאסן־ארגאניזירטקייט און סאציאלן פאטאס, נאר אויך פון דער נאציאנאלער שליחות, וואס ער האט אויף זיך גענומען, און פון דעם באוואוסטזיין, אז הינטער זיין ארבעט און זיין קאמף שטייט די היס־טארישע נויט פון א פאלק, וואס ראנגלט זיך פאר זיין עקזיסטענץ, און ווארט אויף זיין אויסלייזונג."...

ט

גוואלד־מיטלען

זשאבאטינסקי'ס העצע שטעלט זיך ניט צופרידן מיט פארדרייען די אידעאלאגישע שטעלונג פון דער הסתדרות. ער שטעלט זיך ניט צופרידן מיט פארשטעלן די ארץ־ישראל ארבעטער, ווי געגנער פון א אידישער מאיאריטעט, ווי מענטשן, וואס ווארפן פון זיך אראפ דעם יאך פון ציוניזם און חלוציזם, און מענטשן, וועמען עס ארט ניט דער בנין־הארץ, — כדי צו צוגרייטן די „נאציאנאלע" יוגנט פאר דער ראל פון סטרייק־ברעכער און הסתדרות־„ברעכער", דארף ער האבן שארפערע פראפאגאנדע רעצעפטן. און זשאבאטינסקי איז א ספעציאליזירטער און דערפארענער פארמאצעווט, און ער דערשרעקט זיך ניט פאר די שטיקענדסטע גיפט־גאזן.

„אט דער קרעבס אויפן גוף פון דעם ישוב, וואס הייסט „הסתדרות", וואס ווערט פעט פון די נדבות פון די בעלי־בתים, — האלט אין איין וואקסן און האלט ביי דערשטיקן אלץ, וואס איז לעבעדיק אינם ציוניזם. און ווער עס לאזט זיך ניט דערשטיקן אן ווידערשטאנד, וועט מען קענען אים אננעמען אלערליי גוואלד־מיטלען — דעם פויסט ניט אויסגעשלאסן.

„די הערשאפט פון די לינקע וועט ברענגען צו מעסער־מלחמות צווישן אידן — און עס איז קיין גאראנטיע ניטא, אז מען וועט זיך צופרידנשטעלן מיט קאלט געווער אליין."

דאס פאפיר, אויף וועלכן די נידערטרעכטיקע רייד זענען געשריבן געווארן, איז ניט רויט געווארן פון בושה; די פען האט ניט געציטערט, און דער שרייבער זאגט דאך אויף זיך אליין עדות, אז ער איז אן ערלעכער מענטש — דער נאמען פון דעם פאגראם־ארטיקל איז „רויטע האקענ־קרייצלער".

און זשאבאטינסקי ברענגט א באווייז צו זיינע רייד:

„מיט מיינע אייגענע אויגן האב איך געזען, וואס עס האט געטראפן אין אספת־הנבחרים אין יאר 1929. הונדערט זענען זיי געווען — און מיר צוועלף. מיר האבן זיי געשטערט צו שטימען פאר „פיפטי־פיפטי", פאר לעגענדארע גבירים, פון וועלכע זיי האבן דערוואַרטעט צו באקומען לעגענדארע כאבאר־צאלונגען. אט־די הונדערט האבן זיך פארוואנדלט אין ווילדע חיות. ווי א המון פון קנעכט, וועלכע זענען זיך מקריב פאר

זייערע בעלי־בתים, זענען זיי באפאלן די צוועלף; דעם האט מען געשלעפט איבערן דיל, דעם האט מען געטראטן מיט די קנאפל, דעם האט מען געריסן פאר די האר. דאס איז זייער שיטה; דאס איז די פראפארציע, נאך וועלכער זיי בענקען — הונדערט קעגן צוועלף."

זשאבאטינסקי האט איבערגעבאפט די מאס. ער האט זיך געמאכט פאר א צד, פאר א פראקוראר, פאר א ריכטער און פאר אן עדות. א פירפאכע ראלע איז צופיל אפילו פאר אזא ערלעכן שרייבער, ווי ער. דאס ווארט זאל געגעבן ווערן צו א מער־באגלויבטן עדות. אבער איידער דער עדות באקומט דאס ווארט — פיר פאקטישע תיקונים, וועלכע אפילו זשאבאטינסקי וועט ניט וואגן צו שטעלן אונטער א פראגע־צייכן:

ערשטער תיקון: עס זענען ניט געווען קיין הונדערט קעגן צוועלף די וואס האבן געווארט אף כאבאר־צאלונגען און געשטימט פאר „פיפטי־פיפטי", זענען געווען ניט הונדערט, נאר צוויי הונדערט, און צווישן זיי ניט נאר די ארבעטער־פארטרעטער, נאר די פארטרעטער פון אלע פארטייען פון ישוב (אלגעמיינע ציוניסטן, מזרחי, ספרדים, תימנים, „עולי פוילן"), חוץ די קאמוניסטן און רעוויזיאניסטן.

צווייטער תיקון: קיינער האט ניט געשטערט צו שטימען פאר „פיפטי־פיפטי". די „צוועלף" האבן פארלאזן די אספת־הנבחרים א לאנגע צייט פאר דער אפשטימונג, ווי נאר זשאבאטינסקי האט זיין רעדע פארענדיקט, און דערביי פון קיינעם ניט געשטערט.

דריטער תיקון: די דעבאטע וועגן דער אגענטור און די אפשטימונג זענען פארגעקומען ביי א רואיקער זיצונג (דעם 4טן יולי, 1929). דער „סקאנדאל", וועגן וועלכן זשאבאטינסקי דערציילט (און מיר וועלן באלד זען, ווער האט געמאכט דעם סקאנדאל און ווי עס איז צו אים געקומען), איז פארגעקומען אן אוונט פריער, ווען עס האט זיך געעפנט די אספת־הנבחרים און ווען עס איז פארגעקומען די אפשטימונג פארן פרעזידיום.

פערטער תיקון: קעגן די „הונדערט" זענען געשטאנען ניט „צוועלף", נאר א המון. די מיטגלידער פון בית"ר, וועלכע זענען געשטאנען אויף דער וואך, לעבן דעם „פירער", האבן זיך אריינגעריסן אין זאל, באלד ווי דער סכסוך האט אויסגעבראכן, און זיי האבן גענומען אן אקטיוון אנטייל אין די געשעענישן.

וואס האט געטראפן יענעם אוונט?

ווען די שורות ווערן געשריבן, ליגן אויף מיין טיש די טעגלעכע צייטונגען, וואס זענען דאן דערשינען אין ארץ־ישראל: דער ארבעטער־„דבר", דער „דואר־היום" פון די רעוויזיאניסטן און דער אומפארטייאישער „הארץ". דער שרייבער האט זיך דאן אליין געפונען אין אספת־הנבחרים און האט מיט זיינע אויגן געזען, וואס עס איז געשען — ער וועט אבער זיינע עדות ניט אפגעבן דאס מאל. ער וועט זיך אויך ניט באנוצן מיטן „דבר", אדער „דואר־היום" (אפילו פון דער צייטונג קען מען מען דערוויזן די פאלשקייט פון זשאבאטינסקי'ס אויבנגעבראכטע רייד). דער שרייבער וועט זיך בלויז באנוצן מיטן „הארץ", וואס דערציילט:

מיט א פארשפעטיקונג פון צייט האט זיך געעפנט די אספת־הנבחרים דורכן פארזיצער פון ועד־לאומי, דר. יעקב טהאן.

דר. טהאן מאכט באקאנט דעם פארשלאג פון ועד לאומי פון דער פאריקער זיצונג, צו דערוויילן א פרעזידיום פון דריי מענטשן: דר. טהאן, דר. מאסענזאן און רמז.

דער פארשלאג רופט ארויס געגנערשאפט. די מיטגלידער פון מזרחי שלאגן פאר צו צוגעבן צום פרעזידיום הרב אסטראווסקי, די ספרדים שלאגן פאר צו צוגעבן צום פרעזידיום דעם הער יוסף מיוחס. פון די תימנים שלאגט אימיצער פאר צו צוגעבן הער זשאבאטינסקי׳ן. אט־דעם דריטן פארשלאג האט מען ביים פרעזידיום־טיש ניט געהערט. מען מאכט א פארשלאג צו דערוויילן א פרעזידיום פון פינף. די איין־און־צוואנציק מיטגלידער פון די לינקע פארטייען שטיצן דעם פארשלאג וועגן דריי. זשאבאטינסקי און זיין פארטיי פאדערן א קאנטראל פון אפשטימונג דורך הייבן די קארטן און דורך אויסרופן די נעמען. זשאבאטינסקי שרייט אויס צו טהאנ׳ען: „דאס איז רמאות!" און דר. טהאן ענטפערט: „זשאבאטינסקי, מענגסט זיך שעמען!" און עס האט זיך אנגעהויבן דער שטורעם.

וועגן דעם כאראקטער פון שטורעם און וועגן די, וואס האבן אים ארויסגערופן, זאל עדות זאגן א וויניקער פאראינטערעסירטער און מער באגלויבטער מענטש, ווי זשאבאטינסקי.

דר. מ. גליקסאן, רעדאקטאר פון „הארץ", האט זיך אויך באטייליקט אין דער זיצונג. ניט אלע פארטייען אין ישוב זענען אלע מאל מסכים מיט די מיינונגען פון דר. גליקסאן — די ארבעטער אודאי ניט. עס איז אבער קיין איין מענטש ניטא, וועלכער זאל צווייפלען אין גליקסאנ׳ס ערלעכקייט און זאל אים חושד זיין אין שרייבן א פאלשע זאך.

און אט איז עס, וואס גליקסאן האט אויף מארגן נאכן סקאנדאל געשריבן אין זיין לייט־ארטיקל אין „הארץ" (נומער 3016, פון 4טן יולי, 1929), אונטערן נאמען „מעשי גבורה":

„דאס שפיל, וואס די רעוויזיאניסטישע פראקציע האט נעכטן דורכגעפירט אין „אהל שם" ביי דער זיצונג פון אספת־נבחרים, האט איבערגעשטייגט אלץ, וואס די גרעסטע פעסימיסטן צווישן אונז וואלטן געקענט דערווארטן אין דער אויפגערעגטער אטמאספערע אונזערער, פון די יונגעלייט מיט ווארעמען טעמפעראמענט, וועלכע לאזן זיך פירן פון די העלדן פונם „געלייטערטן ציוניזם". אט־די גאנצע שאנדהאפטע געשעעניש פון מאסן־ווילדקייט, פון גרינגשעצונג בנוגע דער אספת־הנבחרים און דאס חוזק מאכן פון איר כבוד און ווילן, וואלט מען בעסער געדארפט פארשווייגן, ווען עס וואלט געווען א זאך פון צופאל און פלוצלונגען אויסברוך, ווען עס וואלט ניט זיין קיין „מעטאדע" אין אט־דער משוגעת. דעם עצם־פאקט פון אן „אבסטרוקציע", פון טומל, געפילדער, געשרייען און קריגערייען, וואלט ניט געווען זייער טראגיש; אזעלכע זאכן טרעפן זיך אין פארלאמענטן, באזונדערס אין פארלאמענטן פון פעלקער מיט הייסן טעמפעראמענט. און וואלט די נעכטיקע אבסטרוקציע געקומען, ווען פילע האבן זי

דערוואַרטעט, אין צייט פון די פאַרהאַנדלונגען און רעזאָלוציעס וועגן דעם אַנטייל פון ישוב אין דער אויסגעברייטערטער אַגענטור, אָדער אין צייט פון די וואַלן פון די ישוב־פאַרטרעטער פאַר דער אַגענטור, וואָלטן מיר אין דעם קיין אומגליק ניט געזען און מיר וואָלטן ניט באַשולדיקט די רע־וויזיאָניסטן פאַר אויסקלייבן אַזאַ ניט־קלוגן מיטל פאַרן אויסדרוק פון זייערע שטורמישע געמיטער. אָבער וואָס עס האָט נעכטן געטראָפן אין „אהל־שם" האָט ניט קיין שום שייכות און קיין שום אָנונג פון אַן אַבסטרוקציע צוליב אַן אידייע און פּאָליטישער שטעלונג. דער ווילדער סקאַנדאַל האָט אויסגעבראָכן נאָך איידער מען איז צוגעגאַנגען צו דער באַ־האַנדלונג פון דער פראַגע אויפן סדר־היום. זיין סבה איז געווען די האַטענטאָטישע פאַרשטעלונג וועגן גזעלשאַפטלעכער מאָראַל, און די פאָרם — טעראָר בנוגע צו דער אספּת־הנבחרים.

„דער „פירער" האָט זיך דערלויבט שווער צו באַליידיקן די אספת־הנבחרים — דער כבוד פון פאָרזיצער, איז דער כבוד פון דער פאַרזאַמלונג — און אויסשרייען צו דר. טהאָן, דעם פאָרזיצער: „דאָס איז רמאות". דר. טהאָן האָט געענטפערט, פון נאַטירלעכער אויפרעגונג, מיט אַ ניט־געלונגענעם אויסדרוק („שעמען מעגסטו זיך"), און דאָס האָט געפירט צו אַ סקאַנדאַל און אַ מהומה אין משך פון גאַנצע שטונדן, און מען איז סוף־סוף געצוואונגען געווען צו שליסן די זיצונג. אָט־די העלדן, וואָס היטן כלומרשט אָפּ די ריינקייט פון אידייעס און אידעאַלן אינם ציוניזם, זענען מתיר זייער „פירער" צו באַליידיקן גראָב דעם פאָרזיצער פון דער אספת־הנבחרים, און זיי פאָדערן, אַז אויך אַנדערע זאָלן אים געבן אַזאַ „היתר". דער כבוד פון אספת־הנבחרים איז הפקר, אָבער דער כבוד פון דעם באַליידיקער איז הייליק, און מען טאָר אים ניט אָנרירן אויף אַ האָר, און עס איז כדאי פון זיינטוועגן צו אויפהויבן אַ טומל און אַ סקאַנדאַל, ביז חלול־השם.

„מיר זענען געצוואונגען צו מאַכן דעם אויספיר, אַז די האַטענטאָטישע מאָראַל ליגט אין עצם נאַטור פון דער רעוויזיאָניסטישער פאַרטיי, אַז דאָס איז דער עצם כאַראַקטער פון איר ריכטונג און געזעלשאַפטלעכן קאַמף. אונזער פרעסע האָט זיך ביז איצט ניט גענוג אָפּגעשטעלט וועגן אָט־דער „שיטה", וועגן די באַזונדערע מאָראַלישע און קולטורעלע באַגריפן פון אָט־די „ציון־העלדן". דער הויפּט־פּרינציפּ פון אָט־דער שיטה איז: אַלע מיטלען זענען כשר. רעכטס איז שקר, לינקס איז שקר, בלויז מיין וועג איז פון דער העכסטער הייליקייט, צוליב וועלכער אַלץ איז מותר, אַלץ איז כשר. מיר האָבן נאָך צווישן אונז ניט געהאַט קיין פאַרטיי, וואָס זאָל אַזוי מקבל זיין און אַזוי מקיים זיין די יעזואיטישע תורה, ווי אָט־די פאַרטיי. דערפון די הפקר־דיקע האַס־פּראָפּאַגאַנדע קעגן דעם קעגנער, קעגן גאַנצע טיילן פונם ישוב; דערפון די גראָבע דעמאַגאָגיע אין צייט פון וואַלן; דערפון די „מעטאָדן", וואָס האָבן זיך אַנטפּלעקט אין זייער גאַנצער נאַקעטקייט אין די ירושלים'ער וואַלן צום קאָנגרעס; דערפון אַלע פאַשיס־טישע מעטאָדן בנוגע צום „דוצע" פון איין זייט, און צו דער געזעלשאַפט

פון דער צווייטער. (די אונטערשטרייכונגען זענען ניט אין אָריגינאַל).

„מיט גרויס צער זעען מיר צו אַט־די דאָזיקע אַנטוויקלונג, וואָס איז נײַ אין אונזער וועלט. מיט גרויס צער האָבן מיר נעכטן צוגעזען די גוטע פרוכט פון אַט־דער אַנטוויקלונג. מיט אַזעלכע דרכים קען, אמת, די דאָזיקע פּאַרטיי דערוועַרבן לײַכטע צײַטווײַליקע נצחונות, ווי זי האָט עס דער־וואָרבן אין די קאָנגרעס־וואַלן, אָדער אין דער אויפרײַסונג פון דער נעכטי־קער זיצונג אין „אהל־שם". לאַנג אָבער וועלן אַזעלכע נצחונות ניט דויערן, און זיי וועלן ניט צוגעבן זייערע מחברים ניט קיין כח, און ניט קיין כבוד."

ווער עס וועט איצט לייענען זשאַבאָטינסקי'ס אַרטיקלען וועגן „פּויסט־הערשאַפט", „רויטע האַקענקרייצלער" און די אַנדערע פּאָגראָם־אַרטיקלען זײַנע קעגן דער הסתדרות, וועט אויסגעפינען, אַז גליקסאָן האָט ניט אויסגעדריקט אַפילו אויפן קלענסטן אופן די מאָראַלישע מיאוס'קייט, די וואולגאַרע דעמאַגאָגיע און די סאַדיסטישע שנאה, וואָס זײַנען אַנטהאַלטן אין די קאַמף־מעטאָדן פון דער רעוויזיאָניסטישער פּאַרטיי און איר פירער.

אַ נאָענטער מענטש און אַ פרײַנט פון די רעוויזיאָניסטן אין ארץ־ישראל, וואָס שטיצט נאָך ביז הײַנטיקן טאָג זייערע פּאָליטישע און סאָציאַלע מיינונגען, ש. אוסישקין, זון פון מ. מ. אוסישקין, האָט געפונען אַלס זײַן פליכט נאָך די וואַלן צו דער אספת־הנבחרים, אין אָנהויב פון 1931, צו אַרויסקומען מיט אַן עפנטלעכן בריוו קעגן די „רעוויזיאָניסטישע מעטאָדן":

„אַלס פרײַנט און שטיצער פון דער רעוויזיאָניסטישער פּאַרטיי, געפין איך פאַר מײַן פליכט אין דער צײַט — אַ צײַט פון וויכטיקע ענדערונגען אין אונזער אָרגאַניזאַציע און אַרבעט — צו אויפהויבן מײַן שטים, און ציען די אויפמערקזאַמקייט פון די, וואָס שטייען אין דער שפּיץ פון דער פּאַרטיי אין לאַנד, אויף דער גרויסער שטערונג, וואָס זיי באַשאַפן פאַר זיך אַליין מיט די מעטאָדן פון זייער פּראָפּאַגאַנדע און אויפקלערונג.

„זייער פּראָפּאָגאַנדע ווערט געמאַכט אויפן מוסטער פון די קאָמוניסטן און היטלעריסטן. דאָס באַנוצן זיך אָן אויפהער מיטן וואָפן פון העצע קעגן יעדן, וואָס איז ניט קיין רעוויזיאָניסט, קעגן דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, דעם ועד־לאומי, נאַציאָנאַלע פאָנדן, אַנשטאַלטן פון דער הסתדרות העובדים, און אַז. וו. אין זייערע העצע־רייד פאַרגעסן די קריטיקער דעם גרויסן אונטערשייד צווישן דער שאַרפסטער קריטיק און געזונטער אַגרעסיוויטעט — און צווישן וואולגאַרער דעמאַגאָגיע. אַלץ ווערט געטאָן צו רייצן די אינסטינקטן פונם המון און צו אַרויסרופן שנאה ביים גאַנצן־מענטשן קעגן אַלע אַנשטאַלטן. יעדערער, וועלכער געפעלט ניט די קריטיקער, ווערט דערקלערט פאַר אַ פאַררעטער און סנבלט און אַז. וו. זיי אַלע באַשולדיקט מען אין פאַרראַט, אין שאַנדהאַפטע מעשים און אַפילו אין קרימינעלע מעשים.

„שווער איז מיר צו שרײַבן די ווערטער, שווער איז מיר צו זאָגן אַט־די שטראָף־רייד צו מענטשן, וועלכע איך וואָלט וועלן שטאַרקן, אָבער איך דענק, אַז עס איז דער חוב פון יעדן אמת'ן פרײַנט פון רעוויזיאָניזם צו אָנווײַזן אויף דעם גרויסן פעלער, וועלכן ער זעט".

„מיר דארפן זיך באנוצן מיט לענינ'ס טאקטיק און מיט זשאבאָ־טינסקי'ס וועג," האָט געשריבן אבא אחימאיר, דער תלמיד מובהק פונם „פירער", אין דער ירושלים'ער רעוויזיאָניסטישער צייטונג.

„מיר דארפן פירן אַן אומקאָמפּראָמיסלעכן קאַמף קעגן יעדן, וועלכער איז ניט קיין רעוויזיאָניסט," שרייבט דער פּאַרזיצער פון דער פּאַרטיי אין ארץ־ישראל, פאָן־ווייזעל, אין „דואר־היום" (23טן דעצעמבער, 1930).
און דער „דוצע" בכבודו ובעצמו?

בלויז איין ביישפּיל פון זיין סטיל, ווען ער רעדט וועגן די מענטשן פון דער הסתדרות:

„טוער, וועמעס אויפפירונג אין געזעלשאַפטלעכע ענינים איז פון ציגייַנער, פערד־גנבים; שרייבער, וואָס האָבן פארקויפט זייער געוויסן פאַר געלט, משרתים פון מאַמאָן, וועלכע טראָגן הויך די רויטע שמאַטע; אַפּאַשעס, וואָס שלאָגן אַ געפאַלענעם „צען צו איינעם" — און זיין אַפּעטיט איז ניט געשטילט געוואָרן, ביז ער האָט באַקומען פון פראָנצויזישן זידל־לעקסיקאָן, און צוגעגעבן: „קאַנאַליעס". (ארטיקל: „אזהרה", אין „דואר־היום", פון 12טן יולי, 1929).

ווירקלעך: דער סטיל, דאָס איז דער מענטש! און דער אייגנטימער פון דעם סטיל, דער העלד פונם סקאַנדאַל אין אספּת־הנבחרים, זאָגט נביאות וועגן מעסער־מלחמות — און ניט פון מעסערס אליין — פון די „מאַרקסיסטן" קעגן דעם ישוב, און רופט צום קאַמף קעגן „גוואַלד־טאַטן". אין אַט־דער פּאַציפיסטישער ראָלע זיינער וועט זשאַבאָטינסקי אויסקוקן מאָדנע אין די אויגן פון מענטשן, וואָס קענען אים נאָענט; אָבער, אויב זשאַבאָטינסקי קען פריידיקן הערשאַפט פון אויטאָריטעט פון ציוניסטישן קאָנגרעס און ועד־לאומי, פאַרוואָס זאָל ער ניט קענען פריידיקן קיין וועגן פון שלום און אויסמיידונג פון גוואַלט? זשאַבאָטינסקי איז אַ גרויסער קינסטלער, און עס איז ניטאָ קיין ראָלע, וועלכע ער זאָל ניט קענען שפּילן מיט פיל טאַלאַנט. ניט אומזיסט האָט ער געשריבן וועגן דעם אידעאַלן טיפּ, וואָס איז ווינשנסווערט פאַר אַ מיטגליד פון ברית־טרומפּלדאָר: „ער דאַרף תמיד פאַרבליבן אַ מין אַקטיאָר, וואָס שפּילט געטריי די ראָלע, וואָס דער רעזשיסאָר האָט אים צוגעטיילט". דאָס האָט ער וועגן זיך אַליין געשריבן. דער אונטערשייד איז נאָר, וואָס זשאַבאָטינסקי איז אַקטיאָר און רעזשיסאָר אין דער זעלבער צייט; ער קען אויך שפּילן, ווען נויטיק, אַ דאָפּלטע ראָלע: אַי „ברעכן" די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, אַי אויפשטעלן איר אויטאָריטעט; אַי געבן אַ „גט" דער „כנסת־ישראל", אַי פאַרפליכטן יעדן אידן זי פאָלגן. און אויך אין דער פראַגע פון גוואַלט שפּילט זשאַבאָטינסקי פאַר אונז צוויי ראָלען מיט אַמאָל: פון איין זייט בליצן און דונערן קעגן דער סכנה פון גוואַלט מצד די „מאַרקסיסטישע לינקע" — און פון דער צווייטער זייט אַ ברכה פון דערמוטיקונג און יישר־כח צו די כוליגאַנישע מעשים פון דער „נאַציאָנאַלער" יוגנט.

הרב ארנשטיין איז באשטימט געוואָרן פון דעם הויפט־ראבינאט, מיט דער הסכמה פון ועד־לאומי, צו אכטונג געבן אויפן כותל־מערבי אין איינקלאנג מיט דעם באשלוס פון דער קאָמיסיע וועגן כותל. עס איז ניט נויטיק צו איבער׳חזר׳ן די טרויעריקע און באליידיקנדע גע־שיכטע, וועגן דעם „כותל־ענין", פאר וועלכן מיר האָבן באצאָלט מיט די אָב־געשעענישן. דער אידישער ישוב האָט עטוואָס געלערנט פון יענער ביטערער לעקציע, און ער האָט קיין חשק ניט צו פארשאפן נחת־רוח די צוררים און העצער מיט אויף ס׳ניי אויפוועקן די „כותל־פראגע". אנדערש אָבער איז מיט העלדן פון דער תשעה־באב דעמאָנסטראציע, ערב די געשעע־נישן, — זיי קענען ניט „דרעמלען אָדער שלאָפן"...

לעצטן יום־כפור, ארום נעילה, האָט הרב ארנשטיין דערשפּירט, אז צום כותל זענען געקומען א צאָל יונגעלייט, ניט אויף אזא אופן, ווי עס קומען אנדערע פרייע יונגע־לייט. באלד נאָך נעילה האָט איינער פון די דאָזיקע בחורים ארויסגענומען א שופר פון זיין קעשענע און געבלאָזן. א איראָפּיאישער אורח, וואָס האָט זיך געפונען אויפן פּלאַץ צו יענער צייט, האָט אומשולדיק געפרעגט: נעמען אָט־די מענטשן געצאָלט פון דעם מופטי? דער בעל־תוקע איז ארעסטירט געוואָרן דורך די בריטישע און אידישע פּאָליציסטן. די חברים פון דעם ארעסטירטן האָבן אויפן פּלאַץ אויסגעשריען צו הרב ארנשטיין, אז זיי וועלן זיך מיט אים אָפּ־רעכענען. ווען הרב ארנשטיין האָט זיך צוריקגעקערט אהיים, זענען אים באפאלן, צווישן דעם יפו־טויער און דער געביידע פון שטאַט־פארוואלטונג, א חברה יונגעלייט, געשלאָגן אים מכות־רצח, געוואָרפן אים אויף דער ערד, און א ליגנדיקן ווייטער געשלאָגן.

דאָס איז, פארשטייט זיך, ניט דער ערשטער פאל פון גוואלט־טאַט מצד דער „נאציאָנאלער" יוגנט, הגם ניט אלע מאָל ווערט געטאָן די זאך אין אזא נידעריקער פאָרמע.

און שלאָגערייען בכלל האָבן אין לאנד ניט איין מאָל געטראָפן; עס זענען געווען אזעלכע פאלן צווישן קאָלאָניסטן און קאָלאָניסטן, צווישן ארבעטער און ארבעטער, און אפילו צווישן דאָקטוירים און דאָקטוירים. אזעלכע פאלן האָבן מסתמא געטראָפן אין אלע אידישע ישובים און די געשלעגן זענען ניט תמיד געווען צווישן מענטשן פון איין פּראָפעסיע, אָדער איין קלאָס. עס זענען אויך געווען פאלן, און ניט קיין איינצלנע, ווען ארבעטסגעבער האָבן געשלאָגן זייערע ארבעטער. ערשט מיט אייניקע וואָכן צוריק האָט אן אייגנטימער פון אן אייזן־פאבריק אין תל־אביב גע־שלאָגן מכות־רצח איינעם פון זיינע ארבעטער, און דער ארבעטער איז דוקא געווען א בית״ר־מיטגליד, וועלכער האָט זיך אנטזאָגט צו חתמ׳ענען אויף א קאָנטראַקט, אז אין פאל פון א סטרייק זאָל ער זיין א סטרייק־ברעכער. (דער פאל האָט, פארשטייט זיך, געטראָפן נאָכן סטרייק־ברעכן ביי פרומינ׳ען). דער ארבעטער איז ארייַנגענומען געוואָרן אין פאבריק דורך אן אָפּמאַך צווישן בית״ר און דעם פאבריקאנט כדי צעברעכן די ארבעטער־אָרגאניזאציע. אָבער נאָכן ארייַנגיין אין פאבריק איז דער בית״ר־

ארבעטער געוואָרן אַ מיטגליד אין הסתדרות, און אַ גוטער און געטרייער מיטגליד, וועלכער האָט זיך אַנטזאָגט אונטערצושרייבן דעם שאַנדהאַפטיקן קאָנטראַקט, וואָס דער בעל־הבית האָט אים פאָרגעשלאָגן.

עס איז אויך געווען אַ פאַל, ווען ארבעטער האָבן געשלאָגן אַן ארבעטס־פּאַרוואַלטער — און דאָס האָט געטראָפן אין אַ תל־אביב'ער פאַבריק, וועמעס בעלי־בתים זענען רעוויזיאָניסטן, און די ארבעטער, די שלעגער, זענען אויך רעוויזיאָניסטן. דער בעל־הבית האָט זיך געקליגט צו אַריינגעמען אין זיין פאַבריק בלויז „געטרייע" ארבעטער פון זיין פּאַרטיי — אָבער צו זיין גרויס איבערראַשונג האָט זיין המצאה אים ניט געהאָלפן, און זיינע רעוויזיאָניסטישע ארבעטער האָבן אַ סטרייק דער־קלערט און אָנגעשלאָגן דעם ארבעטס־פּאַרוואַלטער.

און געווען אַ פאַל, ווען מען האָט זיך ניט צופרידנגעשטעלט מיטן פויסט אַליין. אַ טייל פון די קאָלאָניסטן אין הרצליה, פון דער דריטער זאָנע, האָט זיך פאַרוואָלט ניט צוצולאָזן אידישע ארבעטער אַקערן דעם באָדן פון דער „קהלית־ציון", הגם דער באָדן איז איבערגעגעבן געוואָרן צו זיי לויטן געזעץ, און דערביי האָבן די קאָלאָניסטן זיך ניט צופרידנגעשטעלט מיטן פויסט אַליין — נאָר זיי האָבן געשיקט אַ שומר, באַוואָפנט מיט הייסע געווער, צו פאַרטרייבן די ארבעטער; און ווען די ארבעטער האָבן אַרויסגענומען ביי אים דעם ביקס פון האַנט — איז גע־קומען דער קאָלאָניסט (מ. ש.), האָט אַרויסגעכאַפּט דעם ביקס און האָט געשאָסן אויף די ארבעטער (אָנהויב נאָוועמבער, 1932).

עס איז אויך געווען אַ שווערערער פאַל, אַ שוידערלעכער פאַל, וועלכן עס איז גאָר שווער צו גלויבן, וועלכער איז אָבער אין דער ווירקלעכקייט געשען. אַ אידישער קאָלאָניסט, אַ זון פון אַ קאָלאָניסט פון אַן אַלטער קאָלאָניע, וועלכער איז פון זיין קינדהייט דערצויגן געוואָרן אין אַן אַטמאָס־פערע פון אַראַבישער ארבעט, האָט באַפוילן זיינע אַראַבישע ארבעטער צו כאַפּן דעם איינציקן אידישן ארבעטער אין זיין כרם, און צובינדן אים צום עק פון אַ פערד. די אַראַבישע ארבעטער האָבן, פאַרשטייט זיך, געפאָלגט דעם באַפעל. דער אידישער ארבעטער האָט פּרובירט אַנטלויפן, אָבער די אַראַבישע ארבעטער האָבן אים נאָכגעיאָגט, געכאַפּט, געבונדן אים הענט און פיס, און צוגעבונדן צום פערד. דער געפאַנגענער האָט אויפגעהויבן אַ געשריי, אָבער די אַראַבער האָבן אָנגעטריבן דעם פערד, וועלכער האָט געשלעפּט דעם צוגעבונדענעם מענטשן צענדליקע מעטער ביז ער איז אין חלשות געפאַלן, און ערשט דעמאָלט האָט מען אים אָפּ־געבונדן פונם פערד און איבערגעלאָזן אין פעלד. דורך שווערע אָנשטרענ־גונגען האָט ער זיך באַפרייט פון די שטריק און זיך צוריקגעקערט אין כרם. דאָ זענען די אַראַבער אים ווידער באַפאַלן און שטאַרק געשלאָגן. דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן אויף די אויגן פונם יונגן קאָלאָניסט.

די שוידערלעכע געשיכטע האָט געטראָפן דעם 26טן דעצעמבער, 1928, אין פּתח־תקוה, און דער נאָמען פונם דעגענעראַט, וואָס האָט אָפּגעטאָן די

שאַנדהאַפטע זאַך, איז מענדל דינאַוויטש, וועלכער איז נאָכדעם דערפאַר פאַר׳משפט געוואָרן אויף דריי חדשים תפיסה.

אָט־די אַלע מעשים, לייכטערע און ערנסטע, זענען אָפּגעטאָן געוואָרן דורך איינצלנע מענטשן, און די גנזעלשאַפט איז פאַר זיי ניט פאַר־אַנטוואָרטלעך. דאָס נייע אין דעם אָנפאַלן פון די רעוויזיאָניסטן אויף דעם רב ארנשטיין אין דער נאַכט פון יום־כּפור באַשטייט אין דעם, וואָס זייער פּאַרטיי האָט געשטיצט די כוליגאַנישע האַנדלונג און האָט געשיקט איר ברכה צו די „נאַציאָנאַלע העלדן" פאַר זייער פּאַטריאָטישן אויפטו.

אינם „ראַזסוועט" פון 16טן אָקטאָבער, 1932, זעקס טעג נאָך דער „געשעעניש", איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ לייט־אַרטיקל פון דער רע־דאַקציע, וועלכער לויבט דעם פּאַטריאָטישן אויפטו פון דעם „רעוויזיאָניסט ניימאַן, וועלכער האָט געבלאָזן שופר, און זיין גרופּע חברים, וועלכע האָבן אָנגעשלאָגן דעם שמש ארנשטיין". מאַכנדיק חוזק פון ועד־לאומי, דריקט אויס די רעדאַקציע איר האָפענונג, אַז עס וועלן זיך געפינען אַ סך פרומע אידן אויף דער וועלט, וועלכע „וועלן דערמאָנען צו גוטן ניימאַנ׳ען מיט זיינע חברים די שלעגער".

דער אָנגעגריפענער און דער געשלאָגענער איז געווען איינער, און ער איז געגאַנגען איינער אַליין. און וויפיל זענען געווען אָנגרייפער און שלעגער? ווי גרויס איז די „פּראָפּאָרציע", וואָס שטעלט צופרידן דעם „ראַזסוועט"? — דאָס בלייבט דער סוד פון דער רעדאַקציע. זיי מאַכן אָבער קיין סוד ניט פון דער „שיטה". אַן אָנפאַל אין פינצטערניש פון נאַכט אויף איין מענטש. אַ שוואַכן, נאָך אַ תענית, נאָך תפילת נעילה, פון אַ גאַנצער גרופּע געזונטע און זאַטע יונגען, — דאָס איז אַ פּאַטריאָטישער העלדן־טאַט, וואָס ווערט פאַרהערלעכט, כדי די „נאַציאָנאַלע" יוגנט זאָל לערנען, וואָס זי האָט צו טאָן, ווען זי וועט קומען אין ארץ־ישראל.

דאָס איז די שטעלונג פונם „ראַזסוועט", אין נומער 42, און אין בלויז איין וואָך שפּעטער, אין נומער 43, שרייבט זשאַבאָטינסקי וועגן דעם „רויטן האַקענקרייץ". „האַקענקרייץ" איז, ווי באַוואוסט, היטלער׳ס סימבאָל.

היטלער באַנוצט זיך פאַר זיין פּאַרטיי מיטן נאָמען „סאָציאַליסטישע" און זשאַבאָטינסקי פּסל׳ט די ארץ־ישראל אַרבעטער מיטן „האַקענקרייץ"...

אינהאַלט:

א. סטרייק־ברעכעריי—אַ רעוויזיאָניסטישע מצוה... — — — — — 3

ב. צום שאַנד־סלופּ — — — — — — — — — — — — — — — 4

ג. רעוויזיאָניסטישע קאַמף־מיטלען — — — — — — — — — — 6

ד. די הסתדרות און אַנדערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס — — — — — 8

ה. די רעוויזיאָניסטן אין דער „הסתדרות העובדים“ — — — — — — 12

ו. דער קאַמף פון דער הסתדרות פאַר אידישער אַרבעט
און דער ענין כפר־סבא — — — — — — — — — — — 14

ז. לשכת־עבודה (אַרבעטס־ביוראָ) — — — — — — — — — — 21

ח. בוררות (אַרביטראַזש) — — — — — — — — — — — — 28

ט. גוואַלד־מיטלען — — — — — — — — — — — — — — — 39